# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 4־3 (העפט 7־306) אכצנטער יאָרגאַנג מערץ־אַפּריל 1957 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :


| | | |
|---|---|---|
| 1. „שפוך המתך״ ; 2. דצ״ח, עד״ש, באח״ב, צום גאולה־ און חירות־באַגריף ; 3. בין הזמנים ; 4. בראַחאַ, אַקטיאָרן פון פויליש־יידיש מלוכה־טעאַטער ; 5. „שומר ישראל, שומר שארית ישראל״ | •• | 1 |
| צוויי יובילאַרן : 1. ל. ש. קרעדיטאָר ; 2. יהודה ביעטש | ש. י. האַרענדאָרף | 8 |
| יידיש טעאַטער אין אַלטן עסטרייך | א. מייזעלס | 10 |
| דער סוף פון צוויי מלכים־רשעים (מיניאַטור) | אריה לייבענזאָן | 15 |
| די קדושים פון סטאַניסלאַװאָװער געסאָ—לזכרון | ר. היישעריק־פוקס | 16 |
| אויפגיין וועט אַ זון (ליד) | י. ה. לעווי | 18 |
| זאָג מיר (ליד) | אליהו פּאַלושאַק | 19 |
| צו אַ חבר (ליד) | ש. זאַלקין | 20 |
| דער כוח פון אַ ניגון (דערציילונג) | משה דאַמב | 21 |
| שקצים און רמזים (לידער־אַפאָריזמען) | א. נ. שטענצל | 30 |
| אויסגעלאָשן אַ גרויס נשמה ליכט (נאָכן ארון פון דר. יצחק נחמן שטיינבערג) | א. מ. קייזער | 37 |
| דר. י. נ. שטיינבערג (אַן אויסצוג פון אַ רעדע) | י. ל. פּיין | 41 |
| דר. י. נ. שטיינבערג דער מיטגרינדער פונם ייוו״א | י. ח. פּאַדאַלסקי | 44 |
| דער לעצטער וועג (ליד) | משה שקליאַר | 45 |
| יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע | י. ריכטיגער | 46 |
| אַ קורצע געשיכטע פון אַרבעטער־רינג אין ענגלאַנד | א. ראַלין | 52 |
| נאָט־צן וועגן יידישע ביכער | ש. י. דאָרפזאָן | 56 |
| לאָנדאָנער קולטור ידיעות | | 56 |
| יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס | | 56 |


## פּרייז 2 שילינג

אַבאָנאָמענט־פּרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Caveli Sreet, London, E.1*

די בית־ציון האָט איינגעאָרדנט אַ בענעפיס אין גרענד פּאַלעי טעאַטער צום גינסטן פון „בית זעליק בראָדעצקי״ וואָס דער בית ציון פּלאַנט אויפצושטעלן אין ישראל.

• • •

אין רידינג־רום האָט פרוי דר. צעלינע סאָקאָלאָװ געהאַלטן אַ רעפעראַט : נחום סאָקאָלאָװ צווישן זיין משפּחה. דעם פאָרזיץ האָט געפירט מיכאל זילבערבערג.

• • •

„די יידישע פרעסע אויף דער גאָרער וועלט״, פון יוסף פרענקל, אַרויסגעגעבן פון קולטור־דעפּאַרטאַמענט פון יידישן וועלט קאָנגרעס אין לאָנדאָן.

דער יונגער מאָלער לעאָן קאָסאָװ האָט אַן אויסשטעלונג אין דער באושע גאַלעריע.

• • •

ביי די שבת נאָכמיטאָגס האָט מען געלייענט די לידער און גערעדט איבער די פאַרשטאָרבענע דיכטער ז. וויינפּער און יצחק בערלינער. ס׳האָבן גערעדט י. ביעטש, י. א. ליסקי א.א.

• • •

די סטאַרס פון דרום־אַמעריקע הענרי גערע און ראָזיטאַ לאָנדאָן טרעטן אויף מיט זייער פיינעם יידישלעכן זינגען און די פרייליכע סצענקעס נעמען גאָר שטאַרק אויס ביים עולם.

אונזער טיפן מיטלייד צו **כרמל** און **פיליס נאראד** צום טויט פון זייער מוטער און שוויגער־מוטער **פרוי בערניגער.**

„לשון און לעבן״.

שוין דערשינען :

בערלין—מאסקווע—ירושלים

פון אליהו פאלושאק

צו באַקומען פונם מחבר :

E. Paluszak, 64 Lauriston Rd., London, E.9.

פּאַרטאָפּריי, צום פּרייז פון 3ש. 6פּ. אָדער אין מאַזינס בוכהאַנדלונג, ווייטשעפּל רויד, פאַר 3ש.

**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

**IMPORT - - EXPORT**

**518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10**

**רעדאַקציע נאָטיץ :** די אַרטיקלען פון א. מ. קייזער, י. ל. פּיין, י. וו. פּאַדאַלסקי איבער דר. י. נ. שטיינבערג ע״ה, אין קומענדיקן נומער. אויך די זאַכן פון פּאַלושאַק, רעזניקן און זאַלקין אין קומענדיק פאַרגרעסערטן נומער.

פריינט פון יידיש לשון אין דער יידישער רידינג רום
**זונטיק, דעם 14־טן אפריל, 3 אזייגער, אין אדלער האל,**
**אדלער סטריט, א.1**
די ווארשעווער געטא הזכרה
**יצחק גרודבערג־טורקאוו** וועט האלטן די רעדע
**חזן רעוו. מילך** וועט מאכן די הזכרה
רעציטירן און זינגען געטא־לידער **נעט רובין, מאיר באגדאנסקי, אייזיק גאלדבערג** און **א. בלום.**

## ש. ל. קרעדיטאָרן צו זיין יובל

מיר ווינשטן דעם זקן הסופרים, דעם מלומד, פעדאַגאָג און באַקאַנטן שרייבער און מיט־רעדאַקטאָר פון „דער יידישער שטימע", ש. ל. קרעדיטאָר צו זיין יובל, 50 יאָר טעטיקייט אין לאָנדאָן, נאָך אַ סך גוטע און שעפערישע יאָרן — עד מאה ועשרים שנה!

| | |
|---|---|
| לשון און לעבן: | פריינט פון יידיש לשון: |
| א. נ. שטענצל | י. ביעטש, מנשה ווייסגראַז |
| און נעט רובין. | און מ. בעקערמאַן. |

איך ווינטש אַלע מיינע פריינט אַ חג שמח.—**שלמה לאנדאן.**

**י. ווייסבראַד** ווינשט זיין משפחה און פריינט אַ גוטן יום־טוב.

אַלע מיינע פריינט און קרובים אַ חג שמח.—**יהודה בראנשטיין.**

**מרים לעווי** ווינשט איר משפחה און פריינט אַ פריילעכן און כשרן פסח.

מיר ווינטשן אונזערע פריינד **חנה** און **נאַטע קויפמאַן** אַ גוטע רייזע און פיל פאַרגעניגן ווען זיי וועלן זיין אין אַמעריקע ווו זיי פאָרן צו זעען זייער משפחה און פריינט.

**חנה** און **בערל ראזנער.**

די וואַרשאַווער־געטאָ־הזכרה, איינגעאָרדנט פון דער בריטיש־פוילישער פריינדשאַפט סאָסייעטי אין העקני טאַון־האָל, האָט היי־יאָר געטראָגן אַ גאַנץ אַנדערן כאַראַקטער. דאָס רעציטירן פון אידאַ קאַמינסקאַ, רבקה שילער און שרה גרונאָס האָבן דעם לאָנדאָנער אָבגעקילטן עולם אַריינגעבערענגט אין גאַנץ אַנדערע עולמות — פון גאַז־קאַמערן און שייטערהויפנס, און בעיקר מיט דאָס פיין דיכטעריש ליד פון בונם העלער און מיט האַלקינס „טיפע גריבער טיפער ליים".

„דער משוגענער פון געטאָ", וואָס חבל בוזגאַן האָט געמאַכט, איז ממש געווען אַ דערלעבעניש פון אַ קינסטלערישער קראַציע.

גערעדט האָבן גאָרדאָן שאַפער און עלעק וואָטערמאַן.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 4־3 (העפט 7־306)　אַכצנטער יאָרגאַנג　מערץ־אַפּריל 1957 לאָנדאָן

## „שפוך המתך"

אויפן באַרג ציון, אויבן אויף דער מויער,
גאַנצע נאַכט גייט אַ זעלנער אַהין און צוריק;
פולע לבנה, נאָר אין זיין פינסטערן בליק
טליעט־אויף אַזאַ ברענענדיקער טרויער.

נישט הגדה־נגונים הערט זיין אויער!
אונטן ביים כותל, אין אַ באַהאַלטענעם ליק
ברומט ווער דאָרטן מיט אַזאַ חצותדיק געשטיק —
אַ מרה־שחוריק שטיק פון תיקון־זוהר.

ליל שמורים, דער הימל אַזוי לויטער,
נאָר פאַר זיין פוס וואַלגערט זיך אַ טויטער,
זיין חבר געפאַלן אינם סיני־שלאַכט.

און זיין האַרץ פונם צער צעריסן שי״ר,
פּראַלט אויף ווי צו „שפוך המתך" אַ טיר — —
מיט ביקס אין האַנט ווײנט אַ זעלנער אין דער נאַכט.

## דצ״ך עד״ש באח״ב

דער רבי יהודה מיט די סמנים,
אַ ייד אַ חכם איז דאָס־אַ געווען:
וואָס יעדע מכה אַרויסוואַרפן פון כוס?
דאָס מיינט דאָך אָוועקגיסן טראָפּן צען!
טאָ וואָס ערשט שוין אין דער קומענדיקער צייט,
ווען פרעהס לעצטע מפלה וועט געשען?

ניין, עס איז נישט אַזוי דאָס ביסעלע וויין,
נאָר זיך גאַנצע נאַכט און רק מכות צייל!
און וואָס מיט הגדה, וואָס מיט די קניידלעך?
כאָטש באַלד נאָך מרור דעם אפיקומן טייל —
דעריבער, אפנים, געמאַכט סמנים,
און אַלץ גייט בסדר און אָן געאייל.

## צום גאולה־ און חירות־בעגריף

גאולה קאָן זיין אין אַ שטיקל ערד זיך איינגעגראָבן מיט לייב און לעבן, זיך אנייגעביסן מיט ציין און נעגל, אויפצוגיין „תחת גפנו וזיתו״. עס קאָן זיין אויף אַ שייטער־הויפן אויסצוגיין מיט אַ לעצטן „שמע ישראל״ אויף די ליפן און ס׳קאָן זיין — „אויב נישט נאָך העכער״.

איינס פון די דריי מוז אַ פאָלק האָבן! אויב נישט, ליגט עס כעפּרא דארעה אונטערן דרייאייניקייט־קנאפּל פון רוצח, צבועק און ציניקער.

„עבדה בהפקירה ניחא לה״! חירות מיינט פריי זיין פון אָנגעוואָרפענעם עול, פון פרעמדן יאָך, פון יענעמס איינפלוס.

גאולה און חירות מיינט: נישט אויף טויט און לעבן געבונדן זיין צום שטיק חמץ, נישט פאַרקויפט זיין פאַר אַן עבד כנעני פאַר די לחמא עני, די בכורה — נישט פאַרקויפן פאַר אַ טעלער מיט אַרבעס.

גאולה און חירות מיינט פון יעדער פיזישער און גייסטיקער צוגעבונדנקייט זיין פריי, און יעדע רגע זיין גרייט און מסירת־נפשדיק באַרייט צו קענען קעמפן פאַר דער גרויסער זאַך פון זיין פאָלק, פונם מין מענטש, פונם אינערלעכן איך — פונם אנוכי.

און אַ פאָלק ווי דאָס יידישע פאָלק, וואָס איז אַדורכגעגאַנגען די דער־פאַרונגען און די נסיונות, קאָן פריער נישט זיין פריי און דערלייזט ביז עס דערגרייכט דעם חוט־המשולש פון אַ נאַציאָנאַלער, גייסטלעכער און גייסטיקער גאולה און חירות.

אונזער נאַציאָנאַלע געשיכטע און גלות־פאַנטאַזיע איז צופיל געקניפּט און געבונדן מיט ארץ־ישראל, אַז אַן דעם הייליקן שטיקעלע ערד וועט אונזער געדאַנק קיינמאָל נישט באַפרייט זיין — דאָס שולד־געפיל פונם „מפני חטאינו״ וועט שוועבן פאַר אונזערע באַטריבענע אויגן; און אָן דעם באַגריף פון יחוד השם, פון אחדות הבורא, — אָן „שמע ישראל״! — איז די גאַנצע וועלט אַזאַ אייביקע „חד גדיא״, אָן צוועק און אָן ציל. אָן דעם גרויסן געזאַנג פון „כי גאה גאה״, וואָס איז עס דעמאָלט דאָס נאַציאָנאַלע געפיל? אַ פאַרמעסט פון בלוטיקסטער רציחה צווישן מענטשן, צווישן פאָלק און פאָלק.

און אויב דער „ממלכת כהנים״־שטאָם, דאָס „אתה בחרתנו״־פאָלק, האָט נאָך אויף זיין לאַנגן און שווערן גלות־וועג געהאַט דעם כח־גברא צוצובאַקומען צו זיינע פריערדיקע ערן־טיטלען נאָך דעם טיטל — „עם הספר״, קאָן עס שוין קיין מנוחה נישט האָבן, קיין אינערלעכע פרייהייט און קיין אויסערלעכע דער־לייזונג ביז זיין געטלעכע דבקות, זיין זיך מתיחד זיין „תחת גפנו וזיתו״ וועט זיין אונטער דער אצילות פון יצירה; איבער אַלע זיבן ספירות, איבער גבורה און מלכות איז דאָס־אָ די כתר פון גאולה און חירות — „אויב נישט נאָך העכער״.

און די דריי פרייהייטן פון גוף, גייסט און געפיל, זיי קען קיינער קיינעם נישט געבן און קיינער קאָן זיך זיי אַליין נישט נעמען — עס איז דער אייביקער געראַנגל פון יציאת־מצרים ביז יציאת־נשמה — „אויב נישט נאָך העכער״!



זיי, אָט די דריי, דעם „עגלה המשולשת״, איז מען נאָר קונה מיט מסירת־נפש, מיט קידוש־השם, מיט — „ואם אין, מחני נא מספרך״!

אין דער נישט־ציוויליזירטער מיטלאַלטער תקופה פון שייטערהויפן און אויטאָ־דאַ־פע האָבן מיר נאָך נאַאיוו געגלויבט און זיך געגרויסט, אַז ס׳איז פאַראַנען אַ מענטשלעכע בחירה. אין דער אויטאָמאַטישער אַטאָם־עפּאָכע, אין דער ליכטיקער נעאָנען־תקופה פון גאַז־קאַמער און קרעמאַטאָריום, ווייסן מיר, אַז גאָט אַליין צומאָל וועט, כביכול, שוין נישט וואַגן צו זאָגן: „כך עלתה במחשבה״ . . .

נו, האָבן שוין אַלע פעלקער, אחרי ככלות הכול, זיך אַ האַרץ אָנגעטון און באַשלאָסן, נימנו וגמרה, און אונז געגעבן מדינת־ישראל, קאָן קומען איצט אַ נאַסער, אַ כרושטשאָוו צי עפּעס אַ דייטשער אַמעריקאַנער, אַן איזנהויער, און פאַר אָט די ברואים מוז דער ישראל־פּרעמיער מיט זיין אויסערן מיניסטער טאַנצן דעם „בער״ און אויב נישט זינגען „מה יפית״, איז דעם הורא . . .

און ווי האָבן אונזערע גרויסע שרייבער אין סאָוויעטן־לאַנד — אינם לאַנד פון די באַפרייטע פעלקער! . . . — געמוזט גיין צוערשט דורך אַלע דער־נידעריקונגען פון גוף און גייסט און געפיל איידער זייערע זיך לייטערנדיקע נשמות זענען אויסגעגאַנגען און אויפגעגאַנגען בקדושה ובטהרה.

### „א דערמאנונג״

(פאַר אונזערע שרייבער קדושים)

ווען איך האָב געלייענט פּרצעס „צווישן צוויי בערג״
האָבן זיך טרערן מיר געגאָסן פון די אויגן:
נישט נאָר ווייל מיר האָבן געהאַט אַזעלכע ריזן,
צו פאַרוואַרפן איבער זיי אַזאַ רעגנבויגן —
אַז אונזערס איינער זאָל׳ס קענען!
„אויב נישט נאָך העכער״ — — —

אַצינד לייענענדיק לייוויקס תפיסה־„דערמאָנונג״,
גיסן זיך מיר ווידער יענע פריידיקע טרערן:
אַז איינער פון אונז אַזוינס־אָ האָט אויסגעהאַלטן,
און נאָך איינער פון אונזערע גרעסטע צו ווערן —
ער דערהויבט זיך אַלץ רייזקער,
„און גייט אַלץ ווייטער״ — — —

אַז אין חושכדיקייט אונזערער גאָלדענע קייט,
אַ חושן־ואפוד אויף האַרץ אַזוי צו טראָגן,
און וואָס געוועזן און וואָס ס׳איז און וואָס עס וועט זיין,
רינג צו רינג אָן געקלינג — מיט געווינק צו דערזאָגן!
עס רינט אַזאַ טרערן־געבלינק —
„ממעמקים״ — — —

## בין הזמנים

די יידישלעכע דערציאונג־מסודות פון די אָרטאָדאָקסישע יידן דאָ, אָנגעהויבן מיט דער „יסוד התורה־שול", — „מודה־אני"־קינדער, מיט אַ ברכה אויף מיין קעפּעלע! — ביז צו דער מסיבתא, בחורים בעלי־הוראה און יונגעלייט תלמידי חכמים, האָבן אין זיך די הערצאַישקייט פונם נביאישן „קול קורא במדבר".

און מיט אָט דעם כח און גאַנג איז אַנטשטאַנען אַ גאַנצע געגנט מיט באָרד־און־פּיאות יידן אין זיידענע קאַפּאָטעס און שטריימלעך, מיט אַ קול־תורה, וואָס פאַרקלינגט גאַנצע גאַסן אין צפון טייל פון קאַלטן לאָנדאָן.

און אַז מען לערנט אַ גאַנץ יאָר תורה לשמה, פירט מען בין הזמנים אויף כנהוג דאָס טראַדיציאָנעלע „אחשורוש־שפּיל", מיט אַן אַנסאַמבל, וואו גמרא און תוספות־בחורימלעך גלאַנצן ווי די סטאַרס און מיט מאַסן סצענעס פון דרדקי־יינגלעך; און מיט אַן אייגענעם בלאָז־אָרקעסטער. די גלענצנדיקע אויסשטאַטונג און די מעשענע קאסקעס און פאנצערס און די עפעקטן פון דער ראמפע־באַלויכטונג וואָלט מאָריס שוואַרץ נישט בעסער געמאַכט.

נאַטירלעך איז די דיקציע נישט געווען על טהרת־היידיש פון די ציש"א־שולן, אָבער די אויסגעהאַלטענע רעזשי, די צוגעפּאַסטע מעלאָדיעס פון זמירות, חסידישע נגונים ביז מרדכי געבירטיק און — דער עיקר — די אַנצוהערערישע צייט־גראַמען, זעט מען, אַז דער לעזשיער רב, דער „פּראָפּסער", האָט אַ געוויסן עסטעטישן געשמאַק און פילט דעם כח פון זיין כלי־זיין — יידיש.

די גאַנצע אויפמאַכונג איז ממש געווען „אויפן הימל אַ יריד"! אָבער דאָס רירנדיקסטע איז געווען צו זען, דאָס תמימות ביי די צושויער און דער עיקר די ערשטע ריי מיט די לאָנדאָנער אָנגעזעענסטע רביים און רבנים און דיינים. מ'האָט ממש געזען ווי די הנאה פון זייערע הדרת־פּנימער האָט זיך געגאָסן מיט אַזאַ שמייכלדיקן נחת־רוח אין זייערע סודותדיקע בערד אַריין. זיי האָבן דערפילט „יידיש לאַנד" אונטער זייערע פיס — אדמת קודש!

פון דעם „אחשורוש־שטיק" ביז צו דער „שוואַרץ און ווייס"־קאָמעדיע, אויפגעפירט פון דער אַמאַטאָרן־גרופּע „פלאַנטאַדזשענעט", איז אַ קולטור־קווערשניט דורך דורות; און אין צווישן בלויז טיקט עס פון טויזנט וואונדן. „ממצרים ועד הנה ושם נאמר"!

וואונדערלעך און רירנדיק צוגלייך איז געווען צו זען די קינסטלערישע באַמיאונג און די גראַציעזע דערגרייכונגען פון די יינגע מענטשן. די לעצטע פּראָבלעמען פון ישראל איז די האַנדלונג פונם פיינעם שטיק — אַ העברעאישע דערציילונג פון זעלדאַ קאַליך־זאַנענפעלד, סצענירט אויף ענגליש פון לעאָן בערנשטיין. דער הומאָר שמעקט שלום־עליכמדיק, די שטימונג איז אַ געזונטע און וועקט ליבשאַפט צום היים־לאַנד — ישראל.

און לויט ווי מען זעט אויפן פּראָגראַם שטייט אונטער דער גרופּע, מיט „ראָט און מיט טאַט", די ישראל־אַמאַבסאַדע, דער יידישער וועלט־קאָנגרעס, אַסאָסיאיישאַן פון ישראל־סטודענטן, די יידישע אַגענץ און נאָך אַ ריי פון



אינסטיטוציעס.

פרעגט זיך אַ פראַגע: אויב יידיש „איז שוין טויט", העברעאיש לעבט נאָך נישט אין גלות, פאַרוואָס איז האַלב ליידיק אַזאַ פיין קינסטלעריש טעאַטערל, אין וועלכן עס גייען קוים אַריין 80־90 מענטשן? עס איז דאָך שוין ענגליש־העברעאיש!

וואו זענען די קינדער פון די „זייאַניסטן"? קיין ישראל שיקן זיי זיי נישט, קיין עברית לערנען זיי זיי נישט. פון בלויז לויפן אויף פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען וועלן זייערע קינדער וואַקסן „פּראָטעסט־יידן", אויב נישט קיין גאַנצע פּראָטעסטאַנטן . . .

## בראַוואָ, אַקטיאָרן פון פויליש־יידישן מלוכה־טעאַטער

אונזער וואונדערלעכן ישוב, טויזנט און איין שטעטל, האָט מען עוקר מן השורש געווען; דער דעמבענער בוים, דער ברייט־צעצווייגטער, דער טיף־פאַרוואָרצלטער, דער זאַפטיקער עץ־החיים, צעקנאַסטערט מיט די מהרש"ל־בלעטער, פריש צעבליט מיט סודות־פאַרוויקלטע קוויטלעך פונם חוזה־מלובלין, מיט „די יום־טוב בלעטלעך" פון י. ל. פּרץ — איז אונטערגעגראָבן, ברוטאַל אונטערגעהאַקט ביז צום שורש. און איצט קאָרטשעט זיך ווייאיק אויס דער פּניאַק מיט זיינע לעצטע וואָרצל־הערעלעך.

איז ווי וואָלט אַ געפּייניקט, געהעצט פאָלק — אַ לעצט געבליבענער טייל דערפון — געמוזט גיין פון אַזאַ שטיף־מאַמע היים? מיט אַ קללה אויף די פאַרביסענע ליפּן, מיט אַ בלוטיקן שפּיי — — —

איז רירנדיק געווען צו זען די פּרעמיערע, דאָס ערשטע שטיק וואָס „דאָס וואַרשעווער יידישע מלוכה־טעאַטער", אונטער דער לייטונג פון אידאַ קאַמינסקאַ, גאַסטראָלירנדיק איצט אין לאָנדאָן, האָט אויפגעפירט.

עס האָט זיך געדרייט די דריי־בינע, ווי אַ צוג אויף וואַגאָן־רעדער, וואָס רירט זיך פון דער פּלאַטפאָרמע און דורכן קופּע־פענסטער געזעגענען זיך די געליבטע, די נאָענטע פריינט, וועלכע קענען זיך גאָרנישט שיידן. דאָס ווינקענדיקע טיכעלע פאַכעט שוין פון ווייטן, איז שוין נאַס פון טרערן, אָבער עס הערט אַלץ נישט אויף צו ווינקען מיט בענקשאַפט, מיט ליבשאַפט.

ס'האָבן יידישע אַקטיאָרן, די אייביק „בלאָנדזשענדיקע שטערן", אין לעצטן נאָכהענגענדיקן וואַגאָן פון אונזער „טעאַטער קאַראַוואַן", גענומען אַ ראָמאַנטישע דערציילונג, אַ הומאַניסטיש־סענטימענטאַלע פון אַ ליבער פוילישער פרוי, מיט סענטימענטן צום פוילישן ייד, און זייער גאַנץ האַרץ אין דער דערציילונג אַריינגעלייגט צו באַשיינען אָט די פרוי.

עליזאַ אָרזשעשקאָוואַ האָט באַרירט אַן אייביק־אַנגעווייטיקט יידיש פּראָבלעם אויף אַ ראָמאַנטישן אופן, און נאַטירלעך לויט דער ליבעראַל־קריסטלעכער השגה, האָבן זיי, די יידישע אַקטיאָרן, זי, די מאַמע פון דער פוילישער ליטעראַטור, באַהאַנגען מיט די זיבן שנירעלעך פּערל, וואָס פּרץ האָט טיף אויסגעווייטיקט אין זיין האַרץ, מיט אַזויפיל יידישלעכן צער; געבאָרגט זיך

ביי אַנסקין די בעסטע בראש און אין איר קלויסטערלעך־פרומען ברוסט־טיכל אַריינגעשטעקט. און ציטערט נישט אַשס ציטער־שפּילקע אין איר טשיפּיק, אויסגעבאָרגט ביי שרה בת־טובים?

אַ, די מאָרע בענדער, וואָס הענגען אַרום זענען נישט די בונטע פּוילישע צו טאַנצן מיט זיי אַ קראַקאָוויאַק, אַ מאַזורקע — עס זענען פון די אטלעסענע הייבלעך צו גיין מיט זיי צניעותדיק אין שול אַריין צו ראש־חודש בענטשן. —

וואָס מיר זענען זענען מיר, אָבער כפוי־טובה, חלילה, זענען מיר נישט... נישט מיט קיין קללה אויף אונזערע ליפּן גייען מיר פונם וווּנדערלעכן ישוב, פונם לאַנד וואו אונזער מאָדערנע ליטעראַטור האָט זיך געשאַפן, נאָר מיט אַ ברכה אין אונזער צעבראָכן האַרץ.

אַזוי צו קענען פאַרשווייגן אַלץ, וויפל נשמה מוז מען אַריינלייגן אין וואָרט צימצומדיקייט, ווי אידאַ קאַמינסקאַ טוט עס — עס איז נישט נאָר צו פאַרדעקן בלויז אַ הומאַן־קריסטלעכע טענדענץ פון אַ ראָמאַנטישער שרייבערין...

בראַוואָ, יידישע אַקטיאָרן פון פּוילישן מלוכה־טעאַטער, אַז דאָס איז אייך געלונגען; אַז איר האָט דאָס געקענט! — שווערער פון אַלע קונסט־פאָרמען אַזוינס צו קענען, אַזוינס פונם האַרצן אַרויסצוברענגען...

## „שומר ישראל שומר שארית ישראל"

אַסימילאַציע אויף דער גאַנצער ליניע! פונם הקדש ביזן באָד... דאָס גרויסע רוסלאַנד, וואָס וויל שפּילן אַרייאָפּעאישן שטאָט, מאַכט עס ביד חזקה. איז וואָס קאָנען מיר שוין האָבן צו די ציונים מכל המינים, וואָס מחוית־יידיש איז ביי זיי די ערשטע מצווה שרוב צבור יכול לעמוד בה.

און דאָ, נאַדיר גאָר אינמיטן דרינען, ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן, אַ יידיש טעאַטער און דוקא פון אונטער דער „אייזערנער פאָרהאַנג" און — „ווי אויף צפּפּיקעניש"! — אין לאָנדאָנער וועסט־ענד (נישט אין ווייטשעפּל, אין „געטאָ"), אין פּראָמינענטן ווינטער־גאַרדן טעאַטער, מיט אַ גראַנדיעזן קבלת־פּנים באַנקעט צו דער פּרעמיערע, פון יידישן וועלט־קאָנגרעס.

און אַז די יהודים מכל המינים באַקומען אַזאַ פאַרערונג פאַר יידיש, ערשט אונזערע לייבלעכע שמענדריקעס מכל האַשאַטירונגען פון „נאַשע און וואַשע"...

דער כהן־גדול, יום־כפור, אין קדשי־קדשים! אַ צוריקקער צו יידישער קולטור? אָדער איז עס דער סטאַטוס פון מלוכישקייט — דעם כעלעמער חזנס אינדיק? מיר זענען דאָך לעצטנס געוואָרן אַזוי סטראַשנע פּאָליטיש־רייף, אַז מיר ווייסן שוין בכלל נישט אויף וועלכן עולם השׂשׂי מיר זענען...

הכלל, דאָס וויזיט־קאַרטל מיט אַ קניקס איז שוין אָפּגעגעבן געוואָרן. דער מלוכה איז געגעבן וואָס דער מלוכה קומט... אונזער שאַדן־פרייד, צי דער קקיון־דיונה־טאַנץ, פאַרגייט שנעלער ווי מען מיינט. זאָל דאָס כאָטש פאַרצייכנט ווערן אַ פּאָר רעצענזיע־שורות, אויב נישט צוגעשריבן ווערן אַ בלעטל צו דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער.



פונם גרויסן מזרח־אייראָפּעאישן ישוב איז דאָס יידישע טעאַטער אַרויס מיט גוואַלטיקע סצעניש קונסט־דערגרייכונגען: די ווילנער טרופּע, די הבימה, דאָס מאָסקווער יידישע קונסט־טעאַטער.

פון דער ווילנער טרופּע, פון איר יניקה, לעבן נאָך אַלע יידישע טעאַטערס אין די יידישע ישובים, וואו יידיש טעאַטער האָט נאָך אַ קיום. פון דער הבימה האָבן זיך געפאָרעמט די העברעאישע טעאַטערס אין ישראל. און דאָס מאָסקווער יידישע טעאַטער איז געוואָרן דער נסיון פון שעפערישן סאָוויעט־רוסלאַנד —

דאָס „וואַרשאָווער יידישע מלוכה טעאַטער", דאָס „אסתר רחל קאַמינסקאַ טעאַטער", איז די ירושה פון איר גרויסער מאַמען, אסתר רחל, וואָס איר טאָכטער, אידאַ, טראָגט עס מיט איר טאַלאַנט, מיט איר קלוגקייט, מיט איר עקשנות — עס איז דער אסתר רחל קאַמינסקאַ נוסח.

אידאַ קאַמינסקאַ דאַוונט פון איר מאַמעס סדור! אַן אַרויסגעראַטאַוועטער פון טויזנט פלאַמען און פון רוצחישע הענט, איז אַ וואונדער, אַז דאָ און דאָרט איז אַ בלעטל אַרויסגעריסן, אָפּגעמעקטע שורות פון טרערן?...

פון די אַלע נוסחאות, וואָס מיר האָבן געהאַט, אַ נס ממש אַז מ'איז געבליבן כאָטש ביי נוסח־פּוילן. די געבליבענע שטערן פון די ווילנער, די מאָסקווער, און פון די גרויס־ און קליין־קונסט בינעס זאַמלען אַרום דעם מאַגנעטיש־אויסשטראַלנדיקן עקשנות־ענערגישן — אַלע דאַוונען זיי מיט אידאַ קאַמינסקאַ פון איר קרבן מנחה־סדור! די אַמאַליע איינגעראַווירטע טעוועלעך אין זילבער געפאַסט, דאָס קונציקע שלאָס. דאָס אויסגעציקלטע דריי־בינעלע מיט די באַוועגלעכע בילדלעך דערמאַנט אין אַרטור שיקס מיניאַטור־בילדלעך, אַזוי עכט בעל־מלאכיש און פּויליש־יידיש!

אַט רייסט זיך ביי איינעם אַרויס נאָך אַן אַמאָליקער ימים־נוראימדיקער יעלה, אַ חבדסקער־תנועה, אָבער אַלץ ווערט באַלד איינגעהילט און באַהערשט פונם בין־השמשות טרויעריקן „גאָט פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב". און אַז פון 6,000,000 פאַרטיליקטע, אַז ס'זאַמלען זיך אויך נאָך אַרום דער ענערגיע נייע שטראַלנדיקע יונגע כחות, איז ווידער נישט קיין פראַגע מער פון אַ פרישער קונסט־פאָרם, פון עפּעס אַ נייעם מחדש זיין — דאָס־אָ איז די גרעסטע קונסט: „מחדש בכל יום תמיד מעשי בראשית".

די דריי זאַכן, וואָס מיר האָבן געזעען שפּילן, איז מתנגדיש קונסט־געווערביש פיין צוגעשניטן, אָן שפּיצן; אפילו די טענדענץ איז אַזוי בולט־זאַכלעך, אָן רמזים און סודות... צומאַל שלום־עליכמס צווידייטיקער בטחון ווערט אַזוי קלאָר און לגמרי נישט צום לאַכן...

נו, איז נאָך אַ וואונדער אַז אַ „וואַרשעווער יידישער מלוכה־טעאַטער" אַרויסקומענדיק אין דער וועלט, שפּילט נישט פּרצן? וואָרום ווי קומט אַרייַן איז אַ קרבן מנחה־סדור נוסח האר"י? און דער עיקר: אין פּרצעס שיר־היחידי־קייט איז יעדע תערובות פון טענדענץ — שעטנ"ז! אַ מה שהו פּסלט עס...

בכל־אופן, האָבן מיר נאָך אין פּוילן אַן אייגענעם סדור מיט עברי־טייטש, און מיר קאָנען זיך נאָך איבער אים האַרציק אויסוויינען און אַ שמייכל טון.

## ש. י. האַרענדאָרף

# צוויי יובילאַרן

### 1. ל. ש. קרעדיטאָר

אַ מאָגערער, ממש הויט און ביינער, אַ ירושה פון זיינע נישט דערעסענע און נישט דערשלאָפענע טעג און יאָרן אויף די האַרטע בענק אין די ליטווישע ישיבות. אַ אָנגעזאָפּטער מיט אַ שלל פון אַלזייטיקע, יידיש־רעליגיעזע וויסנ־שאַפטן, און מיט אַן אייזערנעם ווילן נאָכמער צו דערגרונטעווען די טיפע, אומאויסשעפּלעכע קוואַלן פון אונזערע אוצרות, מיט אָט דעם באַגאַזש איז ל. ש. קרעדיטאָר געקומען קיין לאָנדאָן מיט אַ 60 יאָר צוריק, כדי דאָ אויסצולאָדן זיין אומרואיקן תלמידי־חכמ׳דיקן אימפּעט.

ווען מען באַטראַכט פון דער נאָענט, ביים רעדאַקציע־טיש, דעם דאָזיקן באמת זייער סימפּאַטישן זקן, וועלכער איז תמיד גוט אויפגעלייגט און פון זיינע שטענדיקע קלוגע לאַכנדיקע אויגן בליצן פייערלעך פול מיט חכמה, ווילט זיך פשוט נישט גלויבן, אַז אָט דער גוטינקער בעל־היובל, וועלכער איז מיט אַלעמען אַזוי היימיש און חבריש אויסגעקאָכט, האָט הינטער זיך אַזאַ גרויסע, שעפערישע פאַרגאַנגענהייט פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, אויף כל־ערליי ליטעראַרישע טעטיקייטן!

מענטשן ווילן אַלט ווערן — אין יאָרן. אָבער זיי שרעקן זיך שטאַרק פאַר דער זקנה, וואָס איז אָפטמאָל געקניפּט און געבונדן מיט געפאַרן פון כל־ערליי קראַנקהייטן, עקאָנאָמישע מיזערע, וכדומה. ביי ל. .ש קרעדיטאָר איז אָבער נישט צו באַמערקן דעם מינדעסטן סימן פון דער פיזישער זקנה. אָפט שאַפט זיך דער איינדרוק, אַז דער חשובער יובילאַר, ווען מיר ווידמען דאָ די באַשיידענע שורות, איז גאָר אַ יונגערמאַנטשיק, והראיה: זיין גוף איז גלייך ווי אַ ווירע; ער באַנוצט קיינמאָל נישט קיין שטעקן, טראָגט נישט קיין ברילן און פאַרמעסט זיך אפילו נאָכיאָגן דעם אויטאָבוס, וועלכן ער דעריאַגט מיט אַ געשיקטער פלינקייט . . .

ל. ש. קרעדיטאָר האָט אַמאָל, בעת אַ שמועס מיטן שרייבער פון די שורות געזאָגט, אַז „ער האָט נישט ליב די אומה פון זקנים" . . . און ביי אָט דעם פּרינציפּ האַלט ער זיך עד־היום. ער חברט זיך אויסשליסלעך מיט די יונגע שרייבער.

ווינטשן מיר דעם חשובן יובילאַר, אַז ער זאָל זיך פילן יונג, פריש און געזונט, עד מאה ועשרים שנים, און ער זאָל פאָרזעצן זיין פיל־זייטיקע שריפט־שטעלערישע טעטיקייט, וואָס איז אַ טייל פון זיין לעבן.

### 2. יהודה י. ביעטש

פון גאָר אַן אַנדערן שניט איז דער יובילאַר, יהודה י. ביעטש, וועלכער ווערט די טעג 75 יאָר אַלט.

אַן אָפּשטאַמיקער פון דעם שטעטל ראַווא מאַזאָוויעצקא, הינטער לאָדזש, איז ער, אינם יאָר 1906, געקומען קיין לאָנדאָן, כדי צו געפינען די געגאַרטע מנוחה, וואָס איז אין יענע יאָרן געווען דער הייליקסטער וואונטש ביי אַלע, אַז



אויסנאַם, יידישע אימיגראַנטן פון פוילן, רוסלאַנד און פון אַנדערע לענדער.

יהודה י. ביעטש איז כל־ימיו געווען — און פאַרבליבן — אַ בעל־מלאכה. ער האָט קיינמאָל זיך נישט געריסן צו ווערן אַן „אָל־רייטניק" און דעם גרעסטן טייל פון זיין פרייער צייט, האָט דער איבערגעבענער, בלב און בנפש, יידיש־פאָלקסטימלעכער יהודה י. ביעטש, מקריב געווען לטובת יידיש־געזעלשאַפט־לעכע טעטיקייטן אין לאָנדאָן.

מיט דער אַנטשטייאונג פון דער חברה „פריינט פון יידיש לשון", מיט לערך 16 יאָר צוריק, ווען עס האָט געבושעוועט די היטלערישע מלחמה, איז ביעטש געוואָרן איינער פון די געטרייעסטע און איבערגעגעבנסטע פריינט און עול־טרעגער פון דער דאָזיקער, כולו־יידישלעכער געזעלשאַפט, וואָס איז שטאַרק פּאָפּולער געוואָרן אין ווייטשעפּל צוליב אירע „שבתדיקע נאָכמיטאָגס", און צוליב די אַנדערע יידיש־ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע אימפּרעזעס, וואָס קומען פאָר רעגולער אינם „אַדלער האָל", וואו דער „עמך׳דיקער" פריינט ביעטש איז איינער פון די וויכטיקסטע נושא־כלים פון די דאָזיקע יידישע פאַראַנשטאַלטונגען, ביי וועלכע ער פירט, ווי געוויינטלעך, דעם פאָרזיץ.

מיט פינף יאָר צוריק, האָט דער פאַרלאַג „פריינט פון יידישן לשון" אַרויסגעגעבן אַ בוך פון יהודה ביעטשעס דערציילונגען „שיידוועגן", וואָס אַ גרויסער טייל פון זיי זענען געדרוקט געוואָרן אינם זשורנאַל „לשון און לעבן". עס זענען שטילע, כמעט בלחשדיקע דערציילונגען, פון דעם אַמאָליקן יידישן לעבנסשטייגער אין פּוילישן שטעטל, וועלכע דער מחבר האָט געצערטלט אין זיין דמיון אין משך פון צענדליקער יאָרן. דער צווייטער טייל פון דעם בוך, האָט ביעטש געווידמעט דעם קרומען שפּיגל פונם יידישן לעבן אין לאָנדאָן, די „אויפגעקומענע לענדלאָרדס", און אַנדערע.

יהודה י. ביעטש איז נישט פּרעטענציעז אין זיינע בעלעטריסטישע שאַפונגען. אָבער ער איז, ווילט זיך זאָגן, רירנדיק מענטשלעך, פול מיט רחמנים און איינזעעניש צו זיינע טיפן און געשטאַלטן, וועמען ער האָט געגעבן אַ תיקון אין זיין בוך.

יהודה י. ביעטש איז איינער פון די לעצטע מאָהיקאַנער פון די יידיש־פאָלקסטימלעכע געשטאַלטן אין דעם יידישן לאָנדאָן. אַ ליבער, האַרציקער מענטש, וואָס איז אַ אָנגעזעענער מחותן אויף אַלע יידישע קולטור מסיבות און דערפאַר איז ער אונז אַזוי נאָענט און טייער.

לכבוד זיין 75־סטן געבוירנטאָג, אונזערע האַרציקסטע ברכות און וואונטשן!

לייענט, פאַרשפּרייט און אַבאָנירט אין
„די אידישע שטימע"
די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.
THE JEWISH VOICE LTD.
11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804.

א. מייזעלס

# יידיש טעאַטער אין אַלטן עסטרייך

(ערשטע פאַרזעצונג)

נאָכדעם ווי די פּיאַקערניקעס האָבן אָנגעשראָקן דירעקטאָר גימפּל מיט די אַקטיאָרן און אַרויס באַקומען דעם צוזאָג, אַז זייער „פּאַך חבר" יענקל לייזער רעלעס וועט אינגיכן אַרויסטרעטן, האָט דער טעאַטער באַלד חרטה געהאַט, זיי האָבן מורא געהאַט פאַר אַ מאָראַלישער מפּלה, איז דאָך דאָס לעמבערגער טעאַטער געשטאַנען — לויט דעם דעמאָלטיקן באַגריף — אויף גאָר אַ הויכער מדרגה. האָט מען אָנגעהויבן אָפּצולייגן יענקל לייזערס אַרויסטריט, פון טאָג צו טאָג, ביז אין אַ שבת אָוונט האָבן זיך אַריינשפּאַצירט אַלע פּיאַקערניקעס אין טעאַטער און ווען דער לעצטער האָט איבערגעגעבן זיין בילעט, רופט ער זיך אָפּ צום דירעקטאָר גימפּעל — „פּאַני דירעקטאָרזשע, עס וועט היינט זיין פריילעך אין טעאַטער, מיינע חברה האָבן פיין „אַריינגעהאַקט" און אויב איר וועט אונדז ניט חתמענען אַ פּאַפּיר, אַז אונדזער יענקל לייזער זאָל באַלד ווערן אַן אַקטיאָרטשיק, זאָל מיר מיין מאַמע אַזוי לעבן, ווי איר וועט אַלע נאָך היינט ליגן אין שפּיטאָל . . .

חברה האָבן אויסגעפירט און יענקל לייזער איז אויפגעטרעטן אין לאַטיינערס אַ פּיעסע מיטן נאָמען „עזריה גיבור חיל" און דער אָוונט איז אַדורך מיט גאָר גרויסן דערפאָלג און בשעת ביי די פּראָבן האָבן אַקטיאָרן חוזק געמאַכט, האָבן זיי אָבער פאַר שרעק, אין אָוונט זיך באַשטרעבט וואָס בעסער צו שפּילן און אין דעם אָוונט איז יענקל לייזערס גורל געחתמעט געוואָרן, ער איז געבליבן אַן אַקטיאָר. נאָך דער פאָרשטעלונג האָבן די פּיאַקערניקעס אויסגעשפּאַנט די פערד און מען האָט יענקל לייזערן געפירט ביז צו צעהנגוטס רעסטאָראַנט, ווו מען האָט געמאַכט די אמתע כוסה . . .

רעלעס איז געווען דער ערלעכסטער אַקטיאָר ביים טעאַטער, זיין גרויסער דרך ארץ פאַר דער בינע, זיין באַציאונג צו יעדער ראָלע, זיין גרויסער ווילן, האָט פאַרדעקט אַלע אַנדערע חסרונות. ער איז געווען צו מגושמדיק, עס האָט אים געפעלט ווייכקייט, דערצו האָט ער בכלל קיין שום בילדונג ניט געהאַט. ער פלעגט זיין דאַנקבאַר דעם סופליאָר, ווען ער האָט אים דערקלערט דעם כאַראַקטער אין אַ פּיעסע. ער האָט געדינט דער בינע מיט דער גאַנצער נשמה. ער האָט שטענדיק געקענט די ראָלע פון אויסנווייניק און אַזוי באַלד דער פאָרהאַנג איז געפאַלן, האָט ער גענומען די פּיעסע פון סופליאָר און נאָכאַמאָל דורכגעזאָגט זיין ראָלע.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז יודל גוטמאַן קומט קיין ווין. געווען איז דאָס אין 1918 נאָכן מוראדיקן פּאָגראָם אין לעמבערג. ער איז מיט נאָך עטלעכע אַקטיאָרן, אַנטלאָפן קיין ווין און אָפּזייענדיק עטלעכע חדשים, האָט מען אָנגעהויבן צו שטורמען מיט בריוו, אַז ער מיט די איבריקע אַקטיאָרן זאָלן זיך אומקערן אַהיים, ווייל מען וויל עפענען דעם יידישן טעאַטער אין לעמבערג. איך האָב זיך אָנגעשלאָסן צו גוטמאַן און מיר זיינען אַלע אָפּגעפאָרן קיין לעמבערג.



איך האָב מיט גוטמאַן אָפּגעשלאָסן פאַר בלויז איין סעזאָן, איך האָב געוואָלט האָבן דעם „דיפּלאָם" פון לעמבערגער טעאַטער. איך בין געפאָרן אַלס סופליאָר.

די שותפים פון טעאַטער זיינען געווען דער דירעקטאָר עמיל גימפּל, זיין ברודער דאָלי גימפּל, דיריגענט. יודל גוטמאַן, סעם שילינג, לייבוש קאַליש, יענקל פוקס און די פרימאַדאָנאַ מאַלווינא יאָלעס. די איבריקע האָבן באַקומען וואָכן געהאַלט. אַזוי ווי אָבער אונדזערע לוינען זיינען געווען קליין און די געשעפטן אין טעאַטער זיינען געווען גוט, האָבן מיר געפאָדערט אַן הוספה. נו, האָט זיך אָנגעהויבן דער אמתער טומעל, ביים פּראָבע, ביים שפּילן. אין קאָפּעהויז האָט מען בלויז זיך אַרומגעאַמפּערט ווער פון ביידע צדדים זיינען די גערעכטע.

אין אַן אָוונט נאָכן ערשטן אַקט, פאַרלאָז איך דעם קאַסטן אין גרויס איילעניש, כדי אויך זיך אַריינמישן, אויך אַ וואָרט איינלייגן, ביז וואָס אָבער קלינגט דער בינען מייסטער, אַז די בינע איז פאַרטיק. איך לויף אַריין צוריק אין קאַסטן און יודל גוטמאַן פרעגט מיך, ווער עס הויבט אָן און איך זאָג אים און דער פאָרהאַנג גייט אַרויף.

מען שפּילט אָפּ עטלעכע מינוט, זאָגט מיר גוטמאַן פון דער בינע — אַקטיאָרן פלעגן זיך שטענדיק דורכריידן מיטן סופליאָר אויף דער אָפענער בינע — עפּעס שטימט ניט. איך צי מיטן אַקסל . . . עס פאַרגייט נאָך אַ צוויי מינוט, רופט זיך אָפּ גוטמאַן: „אַביש, האָסטו ניט איבערגעמישט צוויי בלעטלעך ?" איך מיש צוריק: „ניין, זאָג איך. נאָך אַ פּאָר מינוט זאָגט ער מיר: אַביש, עפּעס איז אַ בראָך, קוק בעסער . . . איך קוק און קוק און רוף מיך אָן „גוטמאַן, מיר האָבן ניט געשפּילט דעם צווייטן אַקט, מיר שפּילן איצט דעם דריטן אַקט" . . . וואָס איך האָב אין דער מינוט איבערגעלעבט, ווינטש איך דאָס קיינעם ניט, אָבער נאָך אַ מינוטקעלע, האָב איך זיך פאַרשטענדיקט מיט גוטמאַן און מיר האָבן זיך פון דעם אומגליק ווי נישט איז אַרויסגעדרייט. דאָס גליק ביים אומגליק איז געווען, וואָס מיר האָבן געשפּילט אַ „מאַכערייקע", וואָס ווען מען שפּילט דעם פירטן אַקט פאַרן ערשטן, וואָלט אויך ניט געשאַט.

דער שולדיקער איז געווען יענקל לייזער רעלעס, ווייל נאָכדעם ווי ער האָט איבערגעזאָגט די ראָלע, איז אַנשטאָט צוריקצומישן צום אָנהויב צווייטן אַקט, האָט ער געלאָזט דעם אָפענעם סופליאָר־בוך ביים דריטן אַקט. איך ווידער, צעפּלאָמט פון די דעבאַטן, האָב ניט געקוקט וועלכער אַקט, איך האָב בלויז געזאָגט ווער עס הויבט אָן דעם אַקט . . . דער סוף איז געווען, אַז דעם ערשטן טאָג חול המועד פסח זיינען מיר אַרויס אין שטרייק. מיר האָבן זיך געשטעלט אונטער דער פּועלי ציון און אינזשעניר רייס, דער פירער פון דער לעמבערגער פּועלי ציון, האָט אָנגעפירט אַלע פאַהאַנדלונגען ביז צו אונדזער זיג.

דער לעמבערגער עולם האָט ניט געוווסט, אַז די יידישע אַקטיאָרן זיינען אַרויס אין שטרייק, ווייל דער לעמבערגער „מאָרגען" האָט בלויז באַריכטעט פון אַ סכסוך אין יידישן טעאַטער. זיינען מיר געגאַנגען אין דער דרוקעריי ראַהאַטין, ווו מען דרוקט דעם וואָכן פּלאַקאַט און געוואָלט באַשטעלן האַנד

צעטל און זיי אין שטאָדט פאַרטיילן. האָט ראַהאַטין געענטפערט, אַז באַם ער וועט זיך שטעלן אויף אונדזער צד, וועט די דירעקציע ביי אים מער ניט מאַכן קיין פלאַקאַטן. האָבן מיר אים געזאָגט, אַז באַם ער מאַכט ניט די צעטל, נעמען מיר אַריין נאָך אַ פונקט אין אונדזערע פאָדערונגען, אַז מען זאָל ביי אים מער ניט דרוקן קיין פלאַקאַטן.

די דרוקעריי ראַהאַטין איז געווען אַן אַלטע יידישע דרוקעריי. איין חסרון איז געווען, וואָס יעדע וואָך האָט געמוזט זיין אַ גרייז אויפן פלאַקאַט. מען האָט אויסגעשריבן אַ פרעמיע אויף דעם פלאַקאַט וואָס ער וועט געדרוקט ווערן אָן אַ גרייז און עס האָט ניט געהאָלפן. ווען מען איז אַריבער פון גאָרטן אין טעאַטער, האָט מען אים געזאָגט, אַז ער זאָל שרייבן: „דער טעאַטער איז באַהייצט מיט גאַז". מען האָט דאָס ביי אים ניט געקאָנט פועלן, ביז ס'איז נמאס געוואָרן דאָס ריידן. אויף פסח ווען מען איז אַריבער אין גאָרטן שפילן, איז אַרויס דער פלאַקאַט מיט דער באַמערקונג: „אַכטונג! דער גאָרטן איז באַהייצט מיט גאַז . . . (איבערגעגעבן פון לעמבערגער אַקטיאָרן).

ראַהאַטין האָט אונדז נאָכגעגעבן און די צעטל זיינען אַרויס. עס איז געוואָרן אַ טומעל אין שטאָדט און באַלד האָבן אונדז אָנגעהויבן אויפזוכן פאַרשיידענע אַרבעטער-פירער, אָבער מיר האָבן אַלעמען געשיקט צו דער פועלי ציון. אין אָוונט צו דער פאָרשטעלונג, האָט די שטרייק פירונג געשיקט אַ גרופע פון באַוווסטע יוגנטלעכע אַרבעטער אין טעאַטער אַריין, כדי אויף אַ דעליקאַטן אויפן צו שטערן די פאַרשטעלונג. די שפיל האָט אָנגעהויבן, אין טעאַטער איז געווען שטיל און די אַקטיאָרן וועלכע האָבן מורא געהאַט פאַר אַ סקאַנדאַל און געזען אַז ס'זאָל גיין גלאַטיק האָבן מער מוט באַקומען און ווען דער כאַראַקטער קאָמיקער, סעם שילינג, איז אַרויפגעקומען אויף דער בינע און געזאָגט: „מיין טאַטע איז געווען אַ דרדקי מלמד און איך בין . . ." — האָט זיך דערהערט אַ קול פון דער גאַלערי — „אַ שטרייק ברעכער!!" שילינג, וועלכער איז בטבע געווען אַ גרויסער פחדן, האָט פאַרלוירן דאָס לשון און אַראָפ פון דער בינע. עס איז געוואָרן אַ שטיקל סומאַטאָכע, אָבער דאָס פובליקום האָט זיך זער רואיק פאַרהאַלטן, די פאַרשטעלונג איז ווייטער געגאַנגען, בלויז פון צייט צו צייט האָבן די יוגנטלעכע געמאַכט אַ צווישנרוף. דאָס איז געווען אַ בפירושער באַפעל פון שטרייק קאָמיטעט, לאָזן אַדורכגיין די פאַרשטעלונג.

דעם אַנדערן טאָג האָט שוין סיי דער „מאָרגן" און סיי די יידיש-פוילישע צייטונג „כווילא" וועגן דעם געשריבן, אַז עס האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרהאַנדלונגען און אויפן דריטן טאָג, האָט דער לעמבערגער פאָליציי פרעזידענט געשיקט רופן דעם דירעקטאָר עמיל גימפל און אים געזאָגט, אַז ער וויל ניט ביי זיך אין שטאָט קיין שטרייקן און דעם זעלבן אָוונט האָבן שוין אַלע שטרייקערס געשפילט מיט די „עקספּאָטאַטאָרס" משטיינס געזאָגט . . .

ווען מיר זיינען אין אָוונט געשלאָסן אַריינמאַרשירט אין טעאַטער אַריין האָבן ביידע צדדים זיך אָנגעקוקט נאָר דורס צו זין. נאָכן ערשטן אַקט, האָט מען שוין געלאָזט פאַלן אַ וואָרט, איין צד צום צווייטן, נאָכן צווייטן אַקט האָט



מען שוין גערעדט עטלעכע ווערטער און נאָך דער פאַרשטעלונג איז מען שוין צוזאַמען געגאַנגען אין קאַפע הויז און געזעסן ביז אין ווייסן טאָג אַריין און זיך דערציילט עפיזאָדן פון די שטרייק טעג.

יענקל לייזער רעלעס, האָט זיך באַפעסטיקט אין טעאַטער, געפאָרן אויף דער פראָווינץ פון גאַליציע. ער איז אויך געווען אַ סעזאָן אין טשערנאָוויץ ביים דירעקטאָר אברהם אַקסעלראָד. דערציילט מען, אַז אַמאָל ביים פראָבע האָט אַקסעלראָד פאַרבעטן רעלעסן צו מיטאָק. נאָכן מיטאָק רופט זיך אָן אַקסעלראָד: „רעלעס, דו קאָנסט דאָך פאָרן, נעם מיין בריטשקעלע און לאָמיר זיך דורכפאָרן". רעלעס האָט גאָרניט געזאָגט, אַריינגעגאַנגען צו אַקסעלראָד אין שטאַל, איינגעשפאַנט דאָס פערדל און ביידע האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף דער בריטשקע און אַרויסגעפאָרן פון שטאָט. ביים אויסדרייען זיך אויף צוריק, האָט רעלעס צופלייס איבערגעקערט די בריטשקע. אַקסעלראד האָט זיך גוט צעקלאַפט און ווען רעלעס האָט אים אויפגעהויבן, רופט ער זיך אָפ: „איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ בעסערער שוישפילער ווי אַ בעל-עגלה".

נאָך דער ערשטער מלחמה איז ער געפאָרן קיין אַרגענטינא, דאָן געשפילט אַ צייט אין ווין און ענדלעך צוריקגעפאָרן קיין לעמבערג ווו ער איז אומגעקומען על קידוש השם.

לעמבערג איז געווען דער צענטער פון אַלע פראָווינץ טעאַטערס. פסח און ימים טובים צייט האָט מען צוזאַמענגעשטעלט די טרופעס וועלכע האָבן אַרומגעוואַנדערט. די אַקטיאָרן זיינען ביז נאָך דער ערשטער מלחמה ניט געווען אָרגאַניזירט, יעדער האָט געמאַכט שבת פאַר זיך. אָנהויב יאָרהונדערט איז געווען דער בעסט באַקאַנטער טעאַטער דירעקטאָר טענעצאַפ. ווי אַזוי אַזאַ פאַרשוין האָט געקענט זיין אַ דירעקטאָר פון אַ יידיש טעאַטער, איז מיר היינט אַ רעטעניש. אין שלום עליכמס „בלאָנדזשענדע שטערן" איז דער פאַרשוין אָפגעמאָלן. אָבער וואָס אַ יאָר עס איז אַוועק, איז דאָס טעאַטער אַריין אין בעסערע הענד. אַזוי האָט געהאַט אַ גאָר גוטן נאָמען האַרטאָס טרופע אונטער דער פירונג פון דירעקטאָר בער האַרט, אַ געוועזענער סופליאָר אין לעמבערג. האַרט האָט באַאַרבעט י. ל. פרץ'ס „דריי מתנות" וועלכע מען האָט אויפגעפירט אין לעמבערג. ער פלעגט האָבן די בעסטע אַקטיאָרן און אויך שפילן בעסערע פיעסן. אַ צווייטע גוטע טרופע איז געפירט געוואָרן פון קלמן משה עבעל, וועלכער האָט אין לעבן געשפילט די ראָלע פון אַ „געבילדעטן" מענטש און נאָר גערעדט פויליש. עס פלעגן זיך נאָך אַרומשלעפן עטלעכע קלענערע טרופעס, זיי האָבן זיך צוזאַמענגעשטעלט פון טאַלענטלאָזע אַקטיאָרן און אַמאַטאָרן און זיינען אַרומגעפאָרן אין די גאָר קליינינקע שטעדטלעך, ווו אַ בעסערע טרופע האָט ניט געקענט דעקן די הוצאות.

אָט די טרופעס פלעגן פיל אונטערהונגערן, אָפט זיך אַרויסגעגנבעט ביינאַכט דורכן פענסטער, ווייל זיי האָבן ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן די בעל־הבית'טע ווו זיי האָבן געוווינט. עס האָט זער אָפט פאַסירט, אַז דער בעל עגלה פון אַ גרויסער בויד, האָט זיי אויסגעלייזט פון איין שטעטל, פאַר זיי

באַצאָלט און זיי אַריבערגעפירט אין אַ צווייטן שטעטל און דאָרט געוואָרט אויף דער ערשטער איינגאַמע . . . נאָך דער מלחמה האָט דער וואַרשעווער אַקטיאָרן פאַריין, אַז די אַלע טרופּעס אונטער געבראַכט, די אַביסל פּעאיקע אַקטיאָרן צו אַנדערע טרופּעס צוגעטיילט. מאַנכע האָט מען געגעבן קליינע הלוואות, אַז זיי זאָלן אָנהויבן צו האַנדלען, פונדעסטוועגן האָט מען די דאָזיקע קליינע „דירעקטאָרלעך" ניט געקאָנט אַזוי גיך בייקומען. אַזוי למשל איז אין לעמבערג געווען אַ בעקער מיטן נאָמען אהרון האַן, אָבער ביים פאַמיליע נאָמען האָט אים קיינער ניט געקענט, ווייל מען האָט אים גערופן מיט אַ זער געשמאַקן נאָמען, מען האָט אים פאַרצויגן, אהרעלע ק . . . אָט דער אהרעלע האָט אָפּגעאַרבעט זעקס חדשים און אָפּגעשפּאָרט שיין געלד, ווייל אַ בעקער איז ער געווען אַן ערשט קלאַסיקער. איז ער באַלד אַריינגעקומען אין קאָפּע הויז אַן אָנגעהויבן צו פאַרהאַנדלען מיט אַקטיאָרן, וועגן געבן אַ פאָרשטעלונג אין זאַל פון „יד חרוצים" און עטלעכע פאָרשטעלונגען אויף דער פּראָווינץ. אַזוי האָט ער צענויפגעשלעפּט עטלעכע עלטערע אַקטיאָרן, געמאַכט אַ גרויסן פּלאַקאַט, אַז קומענדיקן פרייטיק וועט אין גרויסן זאַל פון „יד חרוצים" אויפטרעטן דער באַליבטער כאַראַקטער שוישפּילער אהרון האַן אין דער קונסט ראָלע פון „דער בטלן".

און מערקווירדיק, דער טעאַטער איז געווען געפּאַקט, מען האָט פון פאַראויס געוווסט, אַז מען וועט האָבן שפּאַס. ביי דער קאַסע האָט מען זיך ניט געדונגען, וויפיל מען האָט געגעבן איז געווען גוט. דאָס נעמלעכע איז געווען מיט די זיצן, ווו מען האָט געוואָלט האָט מען זיך געזעצט. אַמאָל ביי אַזאַ פאָרשטעלונג איז נאָכן ערשטן אַקט אַריין אין טעאַטער אַ גרעסערע צאָל פון „מאָלער־יונגען". לעמבערגער מאָלערס זיינען געווען אַ שם דבר, כמעט אַלע האָבן געהאַט שיינע שטימען צום זינגען. זיי זיינען געווען די גרעסטע פּאַטריאָטן פון יידישן טעאַטער און אויב קיין לעמבערג איז אַראָפּגעקומען אַ גוטער חזן, האָט מען זיי אויך דאָרט געטראָפן און טאַקע באַלד זונטיק, ווען זיי זיינען געשטאַנען אויף די לייטערס און געמאָלן די שטובן, האָט מען שוין איבערגעחזרט דעם חזנס „ממקומך" אָדער „אב הרחמים" . . .

איז אַזוי באַלד די חברה האָבן זיך דערוווסט, אַז מען האָט שוין אָפּגעשפּילט דעם ערשטן אַקט, זיינען זיי אַלע אַריין אין גאַרדעראָב און אים אָנגערופן ביים אמתן נאָמען און געזאָגט, אַז באַם ער וועט פאַר זיי ניט שפּילן דעם ערשטן אַקט וועט ער אין לעבן מער ניט שפּילן. אין דער דאָזיקער נאַכט האָט מען געשפּילט צוויי מאָל דעם ערשטן אַקט . . .

(המשך קומט)

---

**ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון"**

**קומט צו די יידיש ליטעראַרישע שבת נאַכמיטאַגס**



אריה לייבענזאָן

## דער סוף פון צוויי מלכים־רשעים

אז רוב נסים הפלאת בלילה...
ובכן ויהי בחצי הלילה...

אָט דער פיינער שיר ווי אַזוי פיל נסים האָבן פּאַסירט אין אָט־דער נאַכט, אין מיטן נאַכט, זינגט זיך אַזוי געמיטלעך ביים סדר. מען איז פריילעך, מען האָט שוין געהאַט אַ פּאָר כוסות, מען האָט שוין אָפּגעגעסן, — און עס זינגט זיך לייכט, מיט האַרץ.

אָבער די ווערטער פון דער הגדה ווי אַזוי גאָט האָט געשטראָפט אין מיטן נאַכט פון פסח פאַרשיידענע מלכים־רשעים איז ניט נאָר אַ געשיכטע פון דעם ווייטן אַמאָל, נאָר אויך אין אונזער צייט האָט פּאַסירט אַז פונקט אין מיטן נאַכט פון פסח האָט אַ קעניג געקראָגן זיין פּסק.

דער קעניג פייצל דער צווייטער פון איראַק, דער פאָטער פון דעם איצטיקן קעניג פון איראַק, האָט זיך אָנגעשיכורט פסח ביינאַכט. ער איז געפאָרן איבערן גאַס. שיכורערהייט האָט ער אַליין געפירט זיין אויטאָ און ער איז אַרויפגעקראָכן אויף אַן עמוד פון עלעקטריע אין גאַס, און ער איז געהרג'עט געוואָרן פונקט צוועלף אַזייגער אום פסח ביינאַכט. דאָס איז געשען אין 1941. אויף מאָרגן, דעם ערשטן טאָג פסח אינדערפרי, האָט מען אים באַקלאָגט אין די אַראַבישע מעטשעטן פון ארץ ישראל.

ער איז געווען אַ גרויסער שונא פון אונז. ער פלעגט זיך באַרימען אַז ער וועט נאָך אַמאָל אַרויסטרייבן די יידן פון ארץ ישראל.

---

און נאָך אַ מעשה וויל איך דאָ דערציילן. עס איז וועגן טויט פון ניקאָלאַי דעם ערשטן פון רוסלאַנד. איך ווייס ניט צי דאָס האָט פּאַסירט אום פסח. נאָר עס איז אַ פסחדיקע מעשה.

אין 1938 איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך אַראַבער דער שוחט פון דער קאָלאָניע שפיה אין ארץ ישראל, נעבן זכרון יעקב. ער האָט געשטאַמט פון זייער אַ בכבודיקע פאַמיליע פון ירושלים, און מען האָט געמאַכט אין ירושלים אַ גרויסן הספד נאָך אים. אויף אָט־דעם הספד האָט דער אַלטער ירושלימער מגיד ר' בן־ציון יאדלער דערציילט, אַז דער זיידע פון דעם גע'הרג'עטן שוחט האָט אַמאָל געזען אליהו הנביא ביים כותל המערבי. נאָר דער מגיד האָט ניט דערציילט קיין פּרטים וואָס עס האָט פּאַסירט.

דערנאָך איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן אין דעם גרויסן וויין־קעלער פון זכרון יעקב. צופעליק איז דער משגיח פון דער רבנות אין וויין־קעלער געווען דער שווער פון דעם גע'הרג'עטן שוחט.

איך בין צוגעגאַנגען צו אים און אים דערציילט, אַז דער מגיד אין ירושלים האָט געזאָגט, אַז דער זיידע פון זיין ערמאָרדעטן איידים האָט אַמאָל געזען אליהו הנביא. ער האָט געענטפערט, אַז וועגן דעם ווייס ער ניט. נאָר ער האָט מיר דערציילט אַן אַנדער מעשה.

אַמאָל, מיט בערך הונדערט דרייסיק יאָר צוריק, איז דער זיידע פון זיין אײדים געקומען אין א שול אין ירושלים, האָט געבראַכט משקה און האָט געזאָגט צום עולם:

— לחיים, יידן, טרינקט לחיים!... ניקאָלאַי (דער ערשטער) איז גע׳פגר׳ט...

מען האָט ביי אים געפרעגט פונוואַנעו ווייס ער דאָס. נאָר ער האָט געענטפערט:

— איך הייס טרינקען לחיים!... ניקאָלאַי איז גע׳פגר׳ט...

האָט מען אים צוליב געטאָן. ער איז געווען זייער אַ בכבודיקער ייד. — מען האָט געטרונקען לחיים פון זיין משקה. — און מען האָט פאַרשריבן די דאַטע.

דאַן, מיט הונדערט דרייסיק יאָר צוריק, פלעגט דויערן אַ פאָר חדשים, אַמאָל אַ האַלב יאָר, איידער עס פלעגט אָנקומען די פאָסט פון חוץ לארץ קיין ארץ ישראל. קיין מאָדערנע שיפן זיינען נאָך ניט געווען. און מיט די אַלט־מאָדישע שיפן פלעגט זייער לאַנג געדויערן.

און מערקווירדיק, אַז ווען עס איז דערנאָך אָנגעקומען די פאָסט קיין ארץ ישראל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז — פונקט אין דעם זעלביקן טאָג ווען זיי האָבן געפּאָלגט דעם בכבודיקן יידנס בקשה און האָבן געטרונקען לחיים, — פונקט יענעם טאָג איז טאַקע געשטאָרבן ניקאָלאַי דער ערשטער פון רוסלאַנד.

## ר. היישעריק־פוקס

## די קדושים פון סטאַניסלאַוואווער געטא — לזכרון!

עס דערנענטערט זיך דער טאָג, ווען מיר גיבן אָפּ דעם גרויסן כבוד די קדושים פונם וואַרשעווער געטאָ. מיט געבראָכענע הערצער, דערשלאָגענע, פאַרקלעמט פון ווייטאָק און טרערן, דערמאָנען מיר זיך אין אונזערע זעקס מיליאָן קרבנות, וואָס זענען אומגעקומען דורך דער מערדערישער בעסטיע, וועלכע מיר רופן היטלער!

פאַרשניטן זענען געוואָרן יונגע לעבנס, סאַי די וואָס האָבן געקעמפט פאַר אַ בעסערן מאָרגן פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, סאַי די וואָס האָבן געקעמפט מיט אַ שטאָלצן, נאַציאָנאַלן גייסט, זייערע אויגן געווענדט צום מזרח, האָפנדיק, אַז עס וועט קומען דער גרויסער טאָג, ווען זיי וועלן קענען קומען אַהיים!...

אומזיסט איז אָבער געווען דאָס האָפן; זייערע לעבנס, צוזאַמען מיט אָט דער גרויסער האָפנונג, זענען פאַרשניטן. דאָך פאַר אונז, די גאָר ווייניקע, על־פי נס לעבנגעבליבענע, איז פאַרבליבן אַן אייביקער ווייטאָק אין אונזערע נאָך ביז היינט בלוטיקנדיקע הערצער; און אָט די ברענענדיקע וואונד וועט קיינמאָל נישט אויסגעלאָשן ווערן כל־זמן מיר האַלטן אָפן די אויגן; כל־זמן עס צאַפּלט נאָך אין אונז אַ לעבעדיקער אָדער.

בשעת מיר גרייטן זיך צו פייערן דעם הייליקן אָנדענק פון די זעקס מיליאָן יידישע העלדן, פיל איך ווי אויף מיר איז געפאַלן דער גורל מזכיר צו זיין



דאָס סאַמע שרעקלעכסטע פון די געטאָס אין גאַליציען — געטאָ־סטאַניסלאַוואָוו, וואוהין מען האָט צוזאַמענגעטריבן הונדערטער טויזנטער יידן פון גאַנץ גאַליציען און קאַרפּאַטאָ־אוקראַינע.

מיט דער הילף פון אוקראַנישער פּאָליציי, האָט מען אין איין טאָג, דעם 13־טן סעפּטעמבער, 1941 — אין אַ רעגנדיקן טאָג — געטריבן פיר און זעכציק טויזנט יידן, יונג און אַלט, פרויען מיט קליינע קינדער אויף די הענט. די זין האָבן געמוזט טראָגן זייערע קראַנקע טאַטע־מאַמע, וואָס האָבן נישט געקענט גיין אַזוי שנעל. און טאָמער האָבן זיי שוין גאַרנישט מער געקאָנט גיין ווייטער, ווייל דער וועג צום נייעם בית־עולם איז געווען צו ווייט, געפינענדיק זיך אין דאָרף זאַגוואַזשדזש, האָט מען די זין מיט זייערע טאַטע־מאַמעס אויפן וועג דערשאָסן.

און ווען מען האָט זיי אַלע געבראַכט אַהין אויף אָט דעם בית־עולם, וואו עס זענען שוין געווען אויסגעגראָבן גוואַלטיק־גרויסע קברים, האָבן די ס.־ס. צוזאַמען מיט דער אוקראַינישער פּאָליציי, זיך צוערשט אָנגעשכורט מיטן אַלקאָהאָל, וואָס זיי האָבן אָנגערויבט, און דערנאָך האָבן זיי מיט די ביקסן און באַגנעטן געטריבן די לעבעדיקע מענטשן אין די אָפענע קברים אַריין...

אַז אָט די קברים זענען שוין געווען פול, האָט מען די פון אויבן דערשאָסן און די אונטערשטע זענען דערשטיקט און דערטרונקען געוואָרן אינם בלוט פון די דערשאָסענע.

אָט אַזוי האָט מען יעדע פאָר וואָכן געמאַכט איבערפאַלן אינם סטאַניסלאַוואָווער געטאָ און אויפן זעלביקן אופן, מיט די זעלביקע מעטאָדן, אויסגעמאָרדעט ווייטערע מענטשן ביז די גאַנצע שטאָט, אין וועלכער עס האָבן געוואוינט הונדערט און צוואַנציק טויזנט יידן, איז אויסגעראָטעט געוואָרן.

פון די אַרומיקע שטעטלעך און דערפער האָט מען געבראַכט אין דעם אַרומגעצוימטן געטאָ אַריין די דאָרטיקע רעשטלעך יידן, יאָגנדיק זיי אין די הייזער אַריין, וואָס זענען געווען אַרומגערינגלט פון ס.־ס., און מען האָט געוואָרפן האַנט־גראַנאַטן אין אָט די הייזער און אַזוי אַרום דערהרגעט די יידן. ווער עס האָט פּרובירט זיך ראַטעווען דורך אַרויטערשפּרינגען פון די פענסטער, דער איז דערשאָסן געוואָרן ביים שפּרינגען!

אויך זע איך נאָך די אויף דער דלוגע — לאַנגע — גאַס, וואו די מערדער האָבן אַריינגעטריבן הונדערטער יידן און זיי פאַרשלאָסן אָן ברויט און אָן וואַסער אין קליינע אָפּטיילונגען צו אַכציק ביז הונדערט נפשות אויף א שטח פון דריי־פיר קוואַדראַט מעטער. שטייענדיק אַזוי צוזאַמענגעפרעסט איבערנאַכט, זענען זיי געשטאָרבן.

איך אַליין האָב געהערט צו דער יונגער אַרבעטס־בריגאַדע, וואָס זיי האָבן גערופן „אַרבייטס־באַטאַליאָן״; דאָס הייסט, מיר האָבן געמוזט אויפלאָדן אויף וועגעלעך אָט די אַלע קדושים, וואָס זיי האָבן אַרויסגעפירט צו די מאַסן־קברים, און אויף זיי אַרויפגעשיט קאַלך; און אַזוי זענען זיי געקומען צו קבורה. עס האָט אויך פאַסירט, אַז אייניקע פון די ערשטע פיר און זעכציק טויזנט

האָבן זיך אַרויסגעדראַפּעט פון אונטער די דערשאָסענע און זענען אַרויס פון די קברים פאַרבלוטיקטע, מיט אָפענע וואונדן פון געראַנגל מיטן טויט. צווישן אַט די דאָזיקע איז געווען מיינס אַ קוזין, מיטן נאָמען וואָלף קאטשער, וואָס מיט אייניקע חדשים שפּעטער האָט מען אים צוזאַמען מיט זיין ברודער, בערנאַרד קאטשער, פאַרשלעפּט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אַריין. איך ווייס נישט צי זיי לעבן.

אַזוי ווי איך בין געווען געצוואונגען צו אַרבעטן, האָט מען מיך געהאַלטן צוזאַמען מיט יונגע און שטאַרקע מענטשן, אויף אַ באַזונדערער גאַס אינם געטאָ. געווען זענען מיר אַן ערך פינף הונדערט דרייסיק נפשות, דערונטער זעכצן פרויען. אונז האָט מען געהאַלטן ביז צו דער ליקווידאַציע פונם געטאָ, דאָס הייסט ביזן 15־טן אָקטאָבער, 1942. אין יענעם טאָג האָט מען אונז פאַר־זאַמלט אויסערהאַלב דעם געטאָ, פירנדיק אונז צום צוג קיין אוישוויץ . . .

על־פּי נס איז מיר געלונגען צו אַנטלויפן פון דאָזיקן טראַנספּאָרט, און אַזוי בין איך שוין לעבנגעבליבן.

פּופּצן יאָר שוין ווי איך טראָג מיך אַרום מיט די שרעקלעכסטע ווייטאָקן, פון וועלכע איך האָב דאָ איבערגעגעבן בלויז אַ הונדערטסטל, ווייל עס איז ממש אוממעגלעך צו באַשרייבן די מאַרטיראָלאָגיע פון אונזער העראָאיש פאָלק.

גאָט זיי דאַנק דערפאַר וואָס ער האָט מיר געגעבן מוט און קראַפט אויפצו־שרייבן און צו פאַראייביקן כאָטש אַ קליינעם טייל בנוגע די קדושים פון סטאַניסלאַוואָווער געטאָ.

איך שרייב אָט די שורות מיט דער האָפנונג, אַז אפשר איז נאָך עמיצער לעבנגעבליבן פון יענעם לעצטן טראַנספּאָרט, דעם 15־טן אָקטאָבער, 1942, פון וועלכן איך בין אַנטרונען.

ווי אַזוי איך האָב מיך געראַטעוועט האָב איך פאַראייביקט מיט דער הילף פון אַ טייערן פריינט און העלד פון וואַרשעווער געטאָ, דעם פריינט מ. זילבער־בערג, וועמען איך בין זער דאַנקבאַר, ווייל אָן אים וואָלט איך קיינמאָל נישט געהאַט דעם מוט דאָס אָנצושרייבן.

## יוסף הלל לעווי

# אויפגיין וועט אַ זון·

אויפגיין וועט אַ זון אין פרילינג . . .
נאָר פאַר מיר נישט, ניין ;
וועלן כאָטש די שטראַלן אירע
פאַלן דאָרט אַריין ?

אין דעם קבר וווּ איך ליגן
וועל אַ שטומער לאַנג,
נישט געניסן פון דעם פרילינג,
וואָס איך האָב געבענקט . . .

נישט געניסן פון דעם לעבן,
וווּ שוין מער קיין קנעכט,
וועט עס אויף דער וועלט דאַן געבן —
פרייהייט נאָר און רעכט . . .

ווי אין חלום וועט די וועלט זיך
וויגן שטיל אין גליק . . .
— גרויסער גאָט, גיב מאַכט אַ רגע !
דעמאָלט כאָטש איין בליק.



## אליהו פאלושאק

# זאג מיר . . .

(צו דער רעזיגנאַציע פון אַנטאָני אידען אין דער צייט פון אייראָפּעס בין השמשות)

דעם מוטיקן געהערט די וועלט !
ווער איז ער, דער מוטיקער ?
אַ מענטש נאָר, אַ מענטש אַ שוואַכער,
געשטאַרקט מיט גלויבן און בטחון,
וואָס וואַרט נישט אויף חסד און דאַנק.

זאָג מיר, קינד־לעב, זאָג מיר, טייערע
וואָס איז מענטשלעך חסד און זיין דאַנק ?
גאָרנישט, גאָרנישט, ווייניקער ווי זייפן־בלאָזן.
און פאַרגעסן ווער דער מענטש,
ווען געבויגן, אָפּגעמאַטערט קראַנק, —
דאָס איז מענטשלעך חסד און זיין דאַנק.
נעכטן נאָך אַ העלד, אַ העראָ,
מאָרגן שוין פאַרלאָזט מיט שפּאָט
איז דער רייטער און זיין פערד,
פויגל־פריי אויף גאָטס באַראָט.

ווייס איך נישט, וואָס ס'איז מענטש ?
וואָס איז מענטש ? בהמה, קרעאַטור,
טרוסעוואַט און קריכעריש,
פיין־געשליפן און פון נידריקער נאַטור.
מאַנכמאָל שיינט מיר : אויף דער ערד
בעסער און געטרייער, ווי מיר מענטשן,
זיין די הינטלעך און די פערד.
מענטשן, מענטשן ! וועלכע מענטשן ?
די דעם נעכטן שוין פאַרגעסן,
קענען נישט דעם היינט אָפּמעסטן,
אָן אַ צוקונפט, אָן אַ מאָרגן,
אָן אַ מאָרגן, אָן אַ צוקונפט,
טרוסעוואַט, ווי שטשורעס, ראַטן,
דענקן, טראַכטן פון אכילה,

און דעם פולן בויך דעם זאַטן.
מאָרגן? מאָרגן? וואָס איז מאָרגן?
לאָז געמאַך מיך מיט דעם מאָרגן!
מאָרגן וועט דער אשמדאי
אונדזער וועלט רעגירן, פירן
מיטן חסד פון אַ נאָסער,
און אײַזנהאַקער פון אַטלאַנטאַ
וועט מיט לילית קאָקעטירן.
נאָסער, כרושטשאָוו און בולגאַנין,
אײַזנהאַקער, דלות — דאָלעס...
קינד־לעב, דאָס איז אַלעס.

יאַנואַר, 1957.

ש. זאַלקין

## צו אַ חבר

גיס אויס דײַן האַרץ פאַר מיר, אַ פרײַנט!
נו, דערצייל, איך פיל דיר מיט.
אויך איך האָב דורכגעליטן פיל,
און רויט געפאַרבן יעדן טריט.

און אויך, ווי דו, געזען איך האָב
אויף גאַסן מענטשן טויטע פיל.
געהערט אַ קרעכץ, אַ שווערן זיפץ,
אַ הייסע תפילה אין דער שטיל.

און יאָרן לאַנג אין שוואַרצע נעכט
געזען דעם בליץ פון שאַרפער שווערד
אין אויגן גלאָזיקע פון שרעק;
און בערגלעך· בערגלעך פרישע ערד.

און יאָרן לאַנג איך האָב געהאָפט
דער מענטש וועט אָפזוכן אַ וועג,
וואָס פירט צום לאַנג געטרוימטן גליק
און פריידיק־שײַנענדיקע טעג.

נאָר איצט אַנטוישט, ווי דו, איך בין
און גלויב קיין מענטש און טרוים נישט מער...
איך בלאָנזשע נישט אין צוקונפטס־רייך,
נאָר שלינג פאַריאושט טרער נאָך טרער...



משה דאָמב

## דער כוח פון אַ ניגון (המשך)

.2

אַז אין שטעטל האָבן אַלע פלוצלינג דערזען, מיט וועמען מרים שפאַצירט האָט אין אַלע אויפגעברויזט אַן אונגערנווילִיקע קנאה צו דעם אינטעליגענטן הויז-לערער יאָסל, לאָזער מילנערס בן־יחידל פון פיטשינקן יידישן שטעטעלע מאַרוויצע. ס׳גאַנצע שטעטל, ווייסליך, איז געגאַנגען אויף רעדער, יעדער האָט כסדר זיך שעפטשענדיק געסוד׳ט: „האָסט געהערט? . . . יאָסל . . . אוי מרים. אַ מזל פון אַ יונג״ . . .

זײַנע חברים, ליפע הערשל׳ס, דער לערער מילשטיין, האָבן געקוקט אויף אים, ווי זייערע פאַרוואָלקנטע אויגן וואָלטן וועלן זאָגן: „הער, דו דאָרפישער הונט, שפיל זיך בעסער מיט דײַן ווײַנדל, ניט מיטן שטעטלדיקן שענסטן מיידל״.

דער שטעטלדיקער דאָקטאָר, זייפמאַן, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַן אַסירישער קעניג, פלעגט אָנזאָגן זײַן קריסטלעכע דינסט, אַז ווען יאָסל וועט קומען שפילן שאַך אין אָוונט, זאָל זי זאָגן מיט אַן ערנסט פנים, אַז דער דאָקטאָר איז ניט אין דער היים. אַלע אַרטיסטן, וואָס יאָסל פלעגט זיי געבן אָוונט־קורסן, פלעגן אים קינדיש אויסמײַדן. מאַקס רעיפיש, דער ליטוואַק, וואָס אַלעס איז ביי אים פאַרקערט און ער איז געווען דער שטעטלדיקער רעזשיסער, וואָס פלעגט שפילן מיט יאָסלען אַ פינפהונדערטל, ביים געלן שמחה־לייזער בעקערס קאַפע, פלעגט פון אים כסדר חוזקן: „הערטזשע יאָשקע, איר זענט דאָך עפעס פון אַן אָרעמע היים, טאָ ווילט אירזשע פיטום ווערן, געצל חלאָפ־פאָפס אייַדעם, האַ? אַזוי, אַנדערש פאַסט אייך ניסט, האַ, זאָגטזשע, וואָעס?״ אין די ביבליאָטעק האָט מען אים סודותדיק אויסגעמיטן, מיט ברוגזע קעצישע בליקן ווי זיי וואָלטן וועלן זאָגן: „זעטס נאָר, זעטס, אַ חוצפה און העזה, געקומען ווי אַן אָפגעצוואָגענער קאָטער פון אַ דאָרפיש שטרויענע כאַטע, מיט אַ דאָרפישן ריח פון לייב. יעצט וויל ער גאָר מרימן פאַר אַ ווייב״ . . .

ער האָט זיך דערשראָקן פאַר דעם אַלעם, עפעס אַ פרעמדע פאַרדעכטיקייט האָט אים שאָקירט. אָפגעשטאָנענע, פאַרגרעבטע מענטשן, מיט פיטשינקע ענגע מוחלעך זענען שטענדיק די אייביקע ניט־פאַרגינערס. ער האָט זיך ווי אויטאָמאַטיש אָפגערוקט פון די אַלע קליינליכע מענטשעלעך, ער האָט שוין געוווסט, אַז קוים הויבן מענטשן אָן צו זײַן שלעכט, אייפעריק, פאַרפלאָנטערט, האָבן זיי ליב צו קריכן אַזוי כסדר אין יענעמס געדערים און אויפן קאָפ, ווי אַ טשערעפאַכע, וואָס וויל קריכנדיק, דערכאַפן דעם ברעג פון אַ וואַסער, נאָכדעם זיך ניורקעווען און רייצן שווימענדיק אין וואַסער, אַזוי ווילן מענטשן, זיך ניורקעווען אין יענעמס בלוט און זיך כסדר רייצן, באַדיי מיט בייזע בליקן: „אַ, אַ, זעסט שוין? מען האָט דיך אָוועקגעלייגט דו פאַיאַצישער שלים־שלים־מזל״.

צו להכעיס זיי אַלע, פלעגט ער כסדר שפאַצירן מיט מרימן, שטענדיק געווען אויף די וואָך, געהאַלטן זיך פעסט אין די הענט, געשטאַרקט זײַן ווילן אין זיך און אַרום זיך. גערעדט צו זיך אַליין, ווי ער וואָלט געווען מיט וועמען,

וואָס ער מעג און וואָס ער טאָר ניט, אַבי ניט זיך צו פאַרלירן אין אַ פינסטערן לאַבירינט. ער האָט געהאַט אַן איינגעבוירענע אינערלעכע קראַפט, וואָס ס'האָט אים געגעבן די מארוויצע הערלעכע נאַטור, דעם טאַטנס פרומע ניגונים, זיין שטאַרקע אָנגעלעזנקייט. מיט אָט די אינערלעכע קראַפט, קען זיך אַ מענטש אַמאָל דערהייבן הויך, ביז צום הימל . . . אַזוי האָט ער ביי זיך געטראַכט.

יאָסל האָט ווייטער געגעבן לעקציעס, געווען פרילינגליך האָפעריק און גליקלעך פון מרימס קעגנזייטיקייט. אָבער ס'שטעטל האָט זיך וואָס אַמאָל, מער און מער צעבונטעוועט קעגן אים, דעם ערלעכן אינטעליגענטן בחור, מיטן בלאַסן טיף אויגקן פנים . . . מ'האָט אים איינציקווייז אָפגעזאָגט די בעל־הבתישע לעקציעס. זיין משפחה, הערשל מאיר מאלעס, מיט זיין ווייב שרה פלאַק, פלעגן אים עקסטראַ אויסמיידן, מיט אָפגעהאַקטע שטעך־ווערטלעך: „וועסט דאָך ראַבן אין די הויכע פענסטער, וועסט דו אַמאָל נאָך פון דאָרט אַראָפפאַלן. דאָ איז ניט מאָרוויצע, געדענק, יאָסעשי, יאָסעשי״ . . . יאָסל האָט דערשראַקן אָנגעהויבן אינערלעך צו ליידן, ניט אַרויסווייזנדיק דאָס פאַר מרימען, אָבער מרים איז געווען גענוג קלוג, דאָס אַלעס צו וויסן, זי האָט אויך איבערקלוגעריש באַהאַלטן פאַר אים, אַז זי ווייסט דאָס אַלעס. ער האָט כמעט ווי געהונגערט, געוווינט ביים שטעטלדיקן ביער־ברייער, בחינם, געקוויקט זיך מיט די אונטער שטאָטישע פרישע לופט אין דאָרפישע שטילקייט. דעם ברייערס הויף־הינט פלעגן אים לעקן און באַשמעקן, צאַפלדיק אַקעגן־שפרינגען, ווי זיי וואָלטן דערשמעקט אין אים חברישקייט, גוט־האַרציקייט, עפעס ווי אַ נאַכטישע פאַרוואָרלאָזיקייט, מיט הינטישע איינזאַמקייט און פאַרוואָגלטקייט איבערן שטעטל און ביי זיך אין קאַוואַלירן שטיבל, ווען ער פלעגט קומען שפעט ביינאַכט. דעם ברייערס אידעלע משפחה פלעגט אים כסדר טרייסטן, צוגעבן האָפנונג און אַ סך העלפן.

איינמאָל מיטנביינאַכט, האָט ער באַמערקט אויף זיין פענסטער קאַרניז אַ סאָווע. דער פויגל פלעגט כסדר פאָכן מיט זיין פליגל, קוויטשנדיק דערביי: „לאַך, לאַך״ . . . ער האָט רחמנותדיק, מיט דערשראָקענע אויגן, געעפנט ס'פענסטער. די סאָווע איז כיטרע שנעל אַריינגעשפרונגען אין שטוב אַריין, מיט אַ איינגעשטילטן קוויטש, ווי אַ פויגלשער דרך־ארץ וויאַלט זי באַצוואונגען פאַר די שטובישע וואַרעמקייט און אַרומיקייט. איר מכשפיש, אַשיק, שוואַרץ־געלבלעך געשפרינקלטער קאָפ איז געווען מאַרודנע פאַרטרויערט. פון לינקן פליגל האָט שטאַרק געבלוטיקט, דערפאַר האָט זיך איר פליגל געגעבן, ווי אויטאָמאַטיש מיט אַ שטיל ווינדישן פאָכן, אַ לייג אויס מיט ציטערדיקייט, ווי אַ ציגיינעריש מכשפיש פאַרכישופט פעשל־קאַרטן. אירע נעגל שפאַנעס האָבן זיך ביסלעכווייז פאַרגרעסערט, זי האָט געקריצט אין זיך, פון צייט צו צייט געביסן מיטן שפיציק פאַרקרימטן שנאָבל, פון צייט צו צייט זיך פאַרמאָסטן אויף יאָסלס אָרעם. בליץ שנעל, מיט כיטרע אויגן און ציטערדיקן פליגל, אים אַ ביס געטאָן, שנעל קלוגעריש פאַרמאַכט איין אויג, פאַרקרימט דעם מכשפה־קאָפ, כסדר פאַרבויגן דעם פעדערדיקן האַלז און אַ שפיזיק, כיטרע קלוגן בליק גע־



געבן אויף יאָסלען, ווי זי וואָלט וועלן זאָגן צו אים, ווי געשאָלטן: „ביזט שוין איינמאָל אַ יאָלדישער פרייער אין שטעטל און אין הויף פון ברייער״ . . . ער האָט זיך געטיילט מיט זיין עסן, זי גוט געקאָרמיעט. די סאָווע האָט נאָר געוואָלט זיצן אויפן פיעקיליק פון קאַפלע־אויוון. ער האָט זי געהיילט, גוט אַרומגעהילט מיט וואַטע און שמאַטעס, אָבער דאָך האָט זי אים כסדר געביסן, די בגדים צעריסן. יאָסל האָט ביי זיך געטראַכט: אַזוי זענען אויך מענטשן, וואָס מער מען גיט זיי, אָדער מען איז צו זיי פריינדלעך, אַלץ מער און מער האַסן זיי . . . ער האָט געוואָלט אַזוי היילן דעם בלוטיקן פליגל פון דעם יידישן שטעטל ווייסליך, אָבער זיי האָבן אים אויך סאָוויש־ווילד געביסן, דאָס האַרץ אַזש צעריסן, אים פאַרמסרט פאַר מרימס פאָטער.

געצל האָט באַלד גערופן זיין ווייב יענטל לאה, געשריגן כסדר, מיט אַ הייזעריקע ווילדקייט: „אַ כאַלעווע ענק, וואָס? לאָזער חיה־רבקהס בנאָק, דער פויערים־יונג, וועט זאַ מאַ איידעם? . . . יאָ, זעטס נאָר, זעטס נאָר, הערשל מאיר מאלעס מיט די ניקאָלאַיסקע וואָנסעס אין קאָזאַצקע שטינקנדיקע דזשעגעכץ שטיוול, וועט אים פירן צו דער חופה. זיין מכשפה וועט זאַ אַמ מחתנתטע? . . . מעשטיינס געזאָגט . . . אַ חאַלעווע זיי אַלע, נישט מאַ מרימן זיי פאַר אַ כלה״ . . .

געצל האָט מרימען באַלד אַוועקגעשיקט קיין סטאָפניץ צו זיין ברודער, פיניע מיניע פויער וואָס איז געווען אַ דאָרפס־לויפער. דאָרט האָט מרים געלערנט אין די שטאָט גימנאַזיום. נאָך אַ לענגערע צייט האָט זי יאָסלען געשריבן אַ קורץ בריוועלע: „ליבער יאָסעשי, גיי צום ליפאָווע בוים, צוברעך די צווייג, געדענקסט . . . אַזוי איז אונז שוין באַשערט דער גורל . . . אַלע אין שטעטל האָבן דיך עפעס בחינם פיינט, זיי רופן דיך מיט צונעמען: מילנער־יונג, דאָרפס־הונט. אוי טוט דאָס מיר אַזוי וויי . . . יאָסעשי זיסינקער קרוין, אַממייסטן האָב איך געליטן פון מיין טאַטעשי. אפשר טאַקי מוז אַזוי זיין אונזער גורל, ווער ווייסט? . . . דו ביסט דאָך געלערנט, וועסטו מיך פאַרשטיין . . . יאָסעשי טייערינקער, שטאַרק דיך אינערלעך און אויסערלעך, זיי אַ ריטער, פאַרגעס מיך . . . דיין מרים״.

ער האָט אונגערנווייליק אַ טראַכט געטאָן ביי זיך, אַז אַזוי איז ביי אים ס'גאַנצע לעבן, אומעטום איז ער כמעט דער לעצטער, ניט דער פעסטער. עס האָט אים אַזש אַ צופ און אַ ריס געטאָן דער פופיק אין וואַמפ, ווי אַלץ וואָלט זיך געוואָרפן אין זיין בויך, ווי ס'האַרץ וואָלט זיך גערירט פון זיין אָרט. ער האָט נאָך מער און מער אָנגעהויבן בענקן צו מרימען, צום שטעטל מארוויצע, צום שיינעם טייך נידא, צו זיין טאַטע־מאַמע, ס'האָט זיך אים פלוצלינג יעצט דערמאָנט, דער היימישער ניגון פון זיין טאַטן ביים שלוש־סעודות. אָט דער ניגון האָט אים געגעבן אַ דערהויבנקייט, ס'האָט אין אים עפעס ווי אויפגעפרישט אַ נייעם זין אין לעבן, מיט אַ שטאַרקן אינערלעכן כוח, פון וועלן לעבן און לאָזן יענעם לעבן.

מיט אָט דעם ניגון אין האַרצן איז ער אַוועק פון שטעטל. ער האָט מאָרוד־

נע געבלאָנדזשעט איבערן שידלאָווער שאָסיי, ער האָט זיך אומעטיק צוגעהערט
ווי פּיטשינקע קאַלירנדיקע פייגעלעך, שפּילן און טרילן פון דעם דערנעבנדיקן
צעמענטאַזש. ער איז פּלוצלינג צוגעפאַלן צו אַ טעלעפאָן־סלופּ, אים אַרומגע־
אַרעמט, צוגעהערט זיך צום מעלאַנכאָלישן נשמה נאָגנדיקן טעלעפאָן ברומען.
דאָס האָט אים מער און מער געווייכט ס׳האַרץ און געמאַכט מער סענטימענ־
טאַל און טרויעריק פאַרבענקט, דאָ צום שטעטל מאַרוויצע, דאָרט צו זיין טאַטע־
מאַמע, מרימן, צום זשומעדיקן טייך. פון דעם אַלעם האָט זיך ענטוויקלט אַ
מידער קנויל, וואָס האָט אַזוי ווי בליי, געשווערט זיין מוח, אַזוי טיף אומעטיק
געשלעפּט און געזויגן זיין האַרץ און נשמה, ביז ער האָט זיך דערמאָנט, מיט אַ
שטילער פרייד, אַז ניט ווייט פון דאַנען איז דער ליפּאָווע בוים. ער האָט אַזש אַ
ציטער געטאָן, דערמאָנענדיק זיך אַז ער האָט ניט לאַנג גע̇וואַנדערט דאָ מיט
מ̇ו ימן. ער האָט מיט אַ פאַרבענקטע גיריקייט ג̇עזוכט אויף דער ע̇רד, עפּש̇ו
וועט ער נאָך געפינען מרימס פּיטשינקע פאַנטאָפל טר־טלעד. ט׳האָט זיך שיער
ניט דערוועקט אין אים אַ נאַטירלעכע קנאה צו אָט דער ניט לאַנג פאַרגאַנגע־
נע זיס־טרוימערישער צייט, דערצו האָט שוין אָנגעהויבן שמעקן מיט ערב־פריי־
לינג, וואָס אָט די לופט, ברויזט און קרייזט אין די בלוט־געפעסן,, וועקט גע־
היימע ליבעס געפילן, אונבאַקאַנטע פרייד, מיט אַ שטילע זיסע בענקשאַפט, נאָך
עפּעס ווייטעס אונבאַקאַנטעס, איבער ווייטע, ווייטע, פאַרנעפלטע סודותדיקע
האָריזאָנטן.

ער האָט פּלוצלינג באַמערקט פליען ווילדע גענז, באַטשאַנעס, האָט ער
אייפעריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל, ווי זיך אַליין געפרעגט: „פאַרוואָס
רבונו של עולם, האָסטו מיך נישט באַשאַפן ווי אָט אַזאַ פרייען פויגל ?״ ווייטער
האָט ער באַמערקט, ווי פאַרפלדיקע גרודעס הויבן זיך מיט ערדישע קופּ־
קעס, דאָס זיינען געווען אונטערערדישע שטעלכלקע־חיהס. ער האָט באַדיי
געווונטשן זיך צו זיין אַזאַ חיה, אַבי ניט דאָס וואָס ער איז אָט יעצט, כמעט
אַ צעבראָכענער מענטש, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, איינזאַם, פאַרלוירן זיין
טאַטע־מאַמע, זיין הייס געליבטע מרימן. טראַכטנדיק אַזוי האָט ער שווער גע־
דרעפּטשעט איבער די ליימיק־זאַמדישע, פעלד־זומפּן, פאַרגעסן אַפילו אַז אין
זיינע שיך רינט אַריין און אַרויס, אַז די מידע פיס ווייקן זיך אין ליים, בלאָטע,
אויסגעמישט מיט שנייאיק־קאַלט וואַסער. ס׳האָט אין אים אונגערנווילליק עפּעס
אַ שוידער געטאָן איבערן גאַנצן קערפּער, ווי די אָדערן וואָלטן זיך בונטעוון
מיטן בלוט. ציטערדיקע קראַמפּן האָבן אים אָנגעכאַפּט אין די מוסקולן, אָבער
דער מיגל צו מענטשן האָט אַלעס געמאַכט פאַרגעסן. ער האָט באַהאַלטן די
אויגן כדי ניט צו זען די רויטע שינדל־דעכער פון שטעטל. ער איז שנעל צוגע־
שפּרונגען צום ליפּאָווע־בוים, אַ מידן שווערן האָפּסל געטאָן, אַ כאַפּ געטאָן די
צווייג, וואָס ער און מרים זיינען געווען אַרומגעוויקלט. ס׳האָבן זיך שוין באַ־
וויזן שפּראָצנדיקע, גרין־געלע באַזשעלעך, מיט אַ וואַסערדיק־גראָזיקן ריח.
ס׳איז אים געווען אַ שאָד צו צוברעכן אַזאַ שייך גרין־געלבלעכע עלאַסטיש־
בויגוודיקע צווייג, ער האָט זיך אַליין אין איר אַרומגעוויקלט, כסדר געשמעקט



און געקושט די צווייגישע שפּראָצונגען, דערביי געשטיקט אין זיך שטילע
טרערן מיט האַרץ־ווייטיק, אויסגעמישט מיט טיפע בענקשאַפט נאָך מרימן.
ער האָט זיך אָנגעהויבן מוטשן, זיך אַליין ניט צו פאַרשטיין, ווי רעדנדיק צום
בוים: „ווער בין איך? וואָס איז מיט מיר? אפשר פאַרשטיי איך ניט די מענשן,
אָדער די מענטשן פאַרשטייען מיך ניט?״ אַהאַ, ער האָט זיך דערמאָנט אין די
צווייג, געוואָלט אַ געשריי טאָן מיטן ערב־פרילינג ווינט: „מרים קרוין! ווי
קענסטו הייסן צו צוברעכן אַזאַ צווייג?״ . . .

ער האָט מער ניט געקענט דענקן, אָדער טראָגן אויף זיך די אַלע סענטי־
מענטן, ס׳האָט זיך אים אָנגעהויבן דאַכטן, אַז ער זינקט אין די פעלדישע אָו־
מעטיקייט, ווו אַ פליענדיק אויף איין אָרט, סקאָווראָניקל, האָט אים כסדר צו־
געזונגען פאַרבענקט, ווי עפּעס צו להכעיס. ס׳האָט אים דאָס ווי אויפגעוועקט,
אַ הויב געטאָן מיט די ליים באַקלעפּטע שיך, ווייטער געוואַנדערט, אַזש נעבן
דעם שטעטלדיקן בית־עולם, אויסגעמיטן צו קוקן אויף די מיט גרינעם מעך
באַדעקטע מצבות און שטעטלדיקע קופּע הייזקעס. ער האָט געשניטן דעם וועג
דורך פעלדער, ווו דאָ און דאָרט האָט שוין דאָס שניי געלאָזט און ס׳האָבן זיך
באַוויזן טונקל־גרינע קאָרנדיקע שפּראָצנדיקע גראָזן. ס׳האָט אים געצויגן וואָס
שנעלער צוצוגיין צום דאָרף לובאַניע, ווו ס׳האָט געוווינט זיין טאַטנס אַ קריסט־
לעכער פריינד, אַ מילנער. ער האָט שוין געוואָלט דערזען דעם מיט גרינעם־
מעך באַוואַקסענעם מיל־ראָד, דעם טונקל־גרינעם וואַסער־פלאַך, מיט אַלקאָ־
לירנדיקע קאַטשקעס, ווילדע שוואַרץ־פעדערדיקע, מיט רויטע שנאָבעלעך,
וואָסער הינדלעך, די וואַסער שענות, די פאַרבויגענע ווייִנענדיקע ביים וואַ־
סער־ברעג, וויעזשבעס, הערן דעם פאַרבענקטן מעלאַנכאָלישן מיל טיק־טאַק,
ווייטער שניצן־קריצן, וויעזשבע פייפעלעך. ווען ער איז צוגעקומען צום היל־
צערנעם בריקל פון טייך, האָט ער זיך ווי פאַרקוקט אויפן טייכישן־פלאַך, מקנא
געווען ס׳וואַסער וואָס פליסט אַזוי רואיק, ערגעץ ווייט, ווייט אַוועק, אפשר
נעבן שטעטל ווו מרים לערנט יעצט. דאָס דערמאָנענדיק זיך האָט ער זיך אַ
וואַקל געטאָן. ס׳האָבן זיך באַלד געמאַכט אויפן וואַסער־פלאַך אַזעלכע לאָכנ־
דיקע פעלדעלעך, ווי דער וואַסער שאָטן וואָלט געלאַכט פון אים: כי־כי, דו
ביסט מאָדנע, זעסט? מוזט ווייטער קומען צום וואַסער, די וואַסער לופט שלינ־
גען, דעם טאַטנס ניגונים זינגען . . . אוי, אוי, יאָסל, יאָסל, וואָס איז מיט דיר
עפּעס? . . . ער האָט זיך געשטאַרקט און זיך דערפרייט האָפעריק, ווען עס
האָט זיך אים דערמאָנט דעם טאַטנס ניגון ביים שלוש־סעדות, אָדער נאָך די
הבדלה, פרייטאָג צו נאַכט. אַ דאַנק די ניגונים לעבט ער און האָפט . . . ער
האָט פּלוצלינג דערהערט אַ הייזעריק פראָסט קול: יאָסל, יאָסל, קום, קום,
די כאַטע וואַרט אויף דיר, דאָרט וועסטו עפּעס אָפּעסן. יאָסל האָט טרויריק גע־
קוקט אויפן מילנערס כאַטע, אויפן אונטערשטן ראַנד פון שטרויענעם דאַך איז
געשטאַנען אַ ווייס־שוואַרץ באַפליגלטער באַטשאַן, אויף איין רויטן פוס, כסדר
געקלאַפּט מיטן לאַנג רויטן שנאָבל: „קלאַ, קלאַ, קלאַ״ . . . ווי עפּעס פאַר־
אויסזאָגנדיק אַ פרייד אָדער אומגליק.

דער וואַרעמער פרילינג ווינט, מיטן ריח פון פריש־וואַסער און פרילינג־גראָז און פיש־שיפּן האָבן אין אים אויפגעוועקט אַ שרעקלעכן ליבעס באַגער צו מרימן. ער האָט זיך געפּלאָנטערט און געמוטשעט, מיט בענקשאַפט און טרוים, ביז ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער מיל, געטראָגן זעק מיט מעל, פאַראַכטן די מיל־וואַלצן, צוגענייט די מיל־זיפּן, רעגולירט דעם וואַסער־שטראָם, אָנגעהויבן ביסלעכווייז פאַרגעסן אין די שטרויכלונגען און צרות. אַז ס׳זיינען געקומען די הייסע זומער־טעג, פלעגט ער אָן די פרייע צייט זיצן און שפּילן אויף וויעזשבע פייפעלעך דעם טאַטנס שלוש־סעדות ניגון. ס׳האָט אים ביסלעכווייז, ניט באַמערקטערהייט, אינעווייניק אויף די מילץ, געשטאַרקט, גע־מוטיקט, געמאַכט מער און מער האָפערדיק, עפּעס זיכערער אין זיך און אַרום זיך. ער האָט זיך ווי אומגערנווילִיק, תמעוואַטע, פאַרקוקט אויפן וואַסער און דערביי געטראַכט, ווי ביטער שלעכט מענטשן קענען זיין. ס האָט אים דאָס ווייגעטאָן, אָבער ס׳דאַרף איז צו אים, ווי צו להכעיס דעם גורל, יאָ גוט, דאָס האָט אים אַביסל אויסגעגלייכט, ס׳פּנים האָט אָנגעהויבן צו שמייכלען, מיט פאַליענ־דיקע באַקן, ווי אויפן וואַסער, ער׳ט געשפּילט פאַרן מילנער, שאַפּנס טרויריקע מאַרשן, מאַזורקעס. די פּוירים האָבן נאַאיוו פאַרשעמט זיך צוגעהערט צו יוסלס שפּילן, אונטערן מילנער׳ס, מיט בלומען־טעפּ פאַרשטעלט פענסטער.

גייענדיק איבערן דאָרף האָט זיך אים געדאַכט, אַז די מאַמע רופט אים פון ערגעץ: „יאָסעשי, יאָסעשי״ . . . צווישן די דאָרפישע הימל־שטייגנדיקע טאָפּאָלעס, אַרום די שטרויענע הייזקעס, האָט זיך אים געדאַכט אַז אָט צווישן די בלעטלעך זשומעריי אין נאַכטישן לבנה׳שן שיין צאַפּלט ערגעץ מרים און כיכקעט לאַכנדיק לויפנדיק אין דאָרף אַריין, שרייענדיק: „יאָסעשי, יאָסעשי, ווו ביסטו ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן?״ . . .

אַזוי האָט זיך יוסל לאַזער רבקה׳ס געלעבט אין די דאָרפישע אידיליש־טרוימערישע אַטמאָספערע. אַז ס׳איז געקומען דאָס יאָר נײַנצן הונדערט ניין און דרייסיק, ווען די דייטשע רוצחים האָבן פאַרנומען די ווייסל פּראָווינצן אין משך פון פיר טעג. אָט דאָס האָט אין אים פאַרטושט כמעט אַלע אינערלעכע ראַנגלענישן און ספקות. ער האָט זיך געשראָקן פאַר אָט די רוצחים. ער האָט געוווסט אַז זיי זענען פּעאיק אויף אַלע מינים שלעכטיקייטן. האָבן זיי געברענט און געבראָטן; אַרום די אַלע יידישע שטעטלעך האָט זיך געטון חושך. אין שטעטל ווייסליץ האָבן זיי געמאַכט אַ געטאָ. ס׳זענען אויסגעבראָכן עפּידעמיעס. איינמאָל אין אַ זוניק־פריילעכן פרימאָרגן קומט פלוצלונג צולויפן אַ צעיאַכ־מעטער אין די רוישנדיקע מיל אַריין, זיין בעל־הבית הייסט אים אָפּשטעלן דעם מיל־ראָד, דערציילנדיק מיט שלינגענדיקע ווערטער און שאָדן־פרייד אין די שוואַרץ־אַפּלען: אַז אין ווייסליץ שלעפּט מען צוזאַמען אַלע יידן, נעבן שלמה מאכל־הערש׳ס ספרים געשעפט, ביים קליינעם מאַרקל. מען גרייט זיך זיי ערגעץ ווו אַוועקצושיקן, אַז ס׳גאַנצע שטעטל איז איינגעהילט אין אַ שרעקלעכן טרויער. די דייטשע רוצחים יאָגן און פּלאָגן די יידן פון זייערע היימען. זיי האָבן דערשאָסן אין מיטן מאַרק יוסל אקאַוויטניק, וואָס האָט געהאַט אַ בראָנפּן־



מאָנאָפּאָל נעבן אַנשל זייגערמאַכער׳ס געשעפט, פאַר זיינע צוויי אָפּגעהאַקטע פיס אין די פּויליש־באָלשעוויסטישע מלחמה. פיל יידן האָבן זיי אויפגעהאָנגען, אויפן בוסקער־שאָסיי טעלעפאָן־סלופּעס; אַז די דייטשע אָפיצירן שלעפּן אַוועק, אויף זייערע טאַנקן, אַלע שענסטע מיידלעך פון שטעטל; זיי ראַבעווען, מאָרדן, שכורן, שענדן אין אַלע יידישע שטעטלעך; אַלץ איז כמעט הפקר.

יוסל האָט שוין ווייטער ניט געוואָלט הערן דעם מילנער׳ס דערציילן. ער איז אַ דערשראָקענער, מיט אַ טיף הירשנדיקן אָטעם און פאַרמעלט פּנים געלאָפן גלייך צום שטעטל. ס׳האַרץ האָט זיך אין אים שיער ניט אָפּגעריסן. ער האָט אפילו ניט געפילט זיינע מידע ציטערדיקע פיס, נאָר כסדר דער־שראָקן ביי זיך געטראַכט: „אוי, אוי, מיינע שטעטלדיקע יידן! ס׳איז גאָרניט מיט גאָרניט אַלעס, קעגן דעם וואָס עס דערוואַרט זיי אַלעמען״ . . .

ער איז אָנגעקומען אין שטעטל אַריין, מיט אַ פאַרמעלט ווייס פּנים. זיינע זייער דערשראָקענע אויגן האָבן מער בולט געמאַכט דאָס ווייס פאַרמעלטע פּנים. אַ דייטשער זעלנער מיט באַנדיטישע אויגן, אונטערן פאַרשאָטענטן שטאָלענעם העלם, דערזעט אים שנעל. ער פירט אים גלייך צו צו דער ערשטער ריי, ווו ס׳זענען געווען אויסגעשטעלט די שטעטלדיקע יידן. זיי שלאָגן אים פאַרוואָס ער האָט פאַרשפּעטיקט. יוסל שווייגט מיט טרויריקע אויגן און פאַר־ביסענע ליפּן, קוקנדיק אויף דעם פאַרזאַמלטן עולם. זייערע פּנימער זענען מיט אַ מידע רחמנות־שרעק פאַרבלאַסט, מיט ציטערדיקע פיס אין אַ טרויריק גלייכ־גילטיקייט איינער צום צווייטן, מיט אומגערנווילִיק אויפגעשטעלטע קעלנער, ווי אויף אַ לויה. נעבן יוסלען שטייט דאָקטאָר זייפמאַן מיט אַ כמעט אויסגעצופּטע באָרד, דער שטעטלדיקער רב מיט אַ האַנטוך פאַרבונדן די אויסגעריסענע באָרד, דער לערער מילשטיין מיט שוואַרץ־אונטערגעהאַקטע אויגן, אויך דער־נעבן אַנדערע אָנגעזעענע בעלי־בתים פון שטעטל.

ווען מען האָט זיי געטריבן צום קראָקעווער שאָסיי, אַרום די ווייסל ברעגן, האָט ער ווי אינטואיטיוו דערפילט און מיט זיינע דערשראָקענע אויגן דערזען אין די זעלבע רייען וואָס ער גייט, גייט אויך מרים מיט איר משפחה. אָפּגייענ־דיק אַזוי אַ לאַנגן וועג, האָט יוסל דערפילט דעם פּריקרע ריח פון בלוט און פּולווער, אויסגעמישט מיט בענזין און אייל רויך און קאַרבאָל ריח, ווייל אויף די זייטיקע וועגן האָבן געברענט דערשאָסענע שטעטלדיקע יידן. ס האָט זיך אויסגע־געהערט אַ שוידערלעך שאָרכן פון אַלפאַגענע און צאַגענע כאַלאַטלעך, אויסגע־מישט מיטן מאָסיקן סודות׳דיקן פוס־טופּעריי, אַ זייטיקער שטויב פון קרעציק־קאַלכקן שאָסיי האָט זיי אומעטיק באַגלייט, זייערע דערשראָקענע אויגן האָבן בלאָנדזשענדיק געקוקט פאָרויס, ניט ווויסנדיק וואוהין מען טרייבט זיי.

יוסל האָט געזען ווי אויף יאָדלע צווייגן הענגען קיילעכיק שוואַרץ־חנוודיקע יידישע היטלעך. איבער די צווייגן האָט ער דערזען פּלוצלונג דעם בלישטשענדיקן פרישן שיין פון ווייסל־שטראָם. ער האָט דערזען פון ווייטנס ווי מעוועס פליען סטאַדעווייז אַרום דעם וואַסער־פלאַך. זיי האָבן אויסגעזען ווי פּיטשינקע עין׳ס פון אלף־בת. ס׳האָט זיך אים געדאַכט אַז אָט דאָס זיינען

הייליקע נשמה׳ס און צווישן אַט די נשמה׳ס פליען זיינע טאַטע־מאַמעס נשמה׳ס ווי פון וואַסער אַרויס. זיי פליען גלייך צום הימל, בעטן דעם רבינו של עולם. אַט הויבט אים אָן צו שווינדלען פאַר די אויגן מיט פאַרשיידנערליי פּיטשינקע פינטעלעך און ריזיקע פינטעלעך. ער הערט ווי זיין טאַטע בעט זיך אין הימל: „ער איז דאָך אַ יידישע ריינע נשמה, אָן נקמה . . . קיינמאָל קיין פרייד . . . אַ לעבן מיט לייד . . . קיינמאָל קיין נחמה . . . קיינמאָל קיין מלחמה . . . יאָ, יאָ, אַ יידישע ריינע נשמה . . . שטענדיק דער לעצטער . . . אַ שוואַכינקער ניט קיין פעסטער . . . שטענדיק איינזאַם געדריקט און געשטיקט, קיינמאָל אין ערגעץ זיך געשטופּט און גערוקט . . . אוי, טאַטע אין הימל, העלף אים, העלף אים שוין יעצט״ . . .

יאָסלען האָט זיך געדאַכט, אַז אָט, אָט, זעט ער דעם טאַטן מיט אויסגעשטרעקטע הענט מאַזאָלעדיקע דלאָניעס, די מאַמע שטייט הינטער אים אין די יום־כפּור בגדים, כליפּיעט, מיט געשלאָסענע פינגער איןביידע הענד און ברעכט זיי לינקס און רעכטס: „אוי, אוי, יאָסעשי, יאָסעשי, טייערינקער קרוין, קום, קום״ . . . ס׳רוישט אים אין די אויערן, ווי ער וואָלט געהערט דאָס מיסטעריעזע סודותדיקע פאָכן זיך אין די הימלען. פון די פליענדיקע מעוועס זעט ער נאָך פּיטשינקע פינטעלעך ערגעץ ווו ווייט אַוועק אויפן בלאָען הימל. עס דאַכט זיך אים יעצט ווי ער וואָלט געהערט אַ בת־קול: „שמע, שמע, זאָל יוסף בן־אליעזר, שנעל, שנעל קומען דער ערשטער, צום בית־דין של־מעלה, שמע, שמע, אמן״ . . . ער האָט אַ צאַפּלדיקן ציטער געטאָן ווי ס׳בלוט וואָלט אים באַדעקט אינעווייניק אין קאָפּ און געשלעפּט ביים מוח. ער האָט אָנגעהויבן שעפּטשן ווי צו זיך אַליין: „גם כי אלך בגיא צלמות, לא אירא כי אתה עמדי״ . . .

ער איז ווי געליימט, געבליבן שטיין צווישן די אין רייען, גייענדיקע יידן. מרים האָט אים מיט שרעק פון אונטן אָנגעכאַפּט, אירע אויגן זיינען געווען געשוואָלן פון וויינען און פּיין, אירע צושיעקעטע ליפּן האָבן קוים אַרויסגעשעפּטשעט: „זע, זע, נאַ, אָט האָסטו דיר, אוי וויי . . . נאַ, נאַ, יאָסעשי קרוין, זיי אַלע, גיב אַ קוק, גייען דאָך . . . זיי וועלן דאָך שיסן, נאַ, נאַ, אָ־אָ־אָ— נאַ, קוק״ . . . יאָסל האָט בליץ־שנעל אַ כאַפּ געטאָן מרימען ביים אָרעם, שנעל אַרויסגעלאָפן פון די רייען. אַ דייטשער רוצח מיט אַ לייכטע מאַשין־ביקס האָט זיי באַמערקט, ער האָט אַ שנעלן שפּריז געטאָן פאָראויס, מיט איין פוס אַניזיי דערגעניקט; אויף זיין פּנים האָט זיך באַוויזן אַ פרעכער שמייכל, מיטן צונג זיך באַלעקט אַרום די מויל ווינקלען פון צופרידנקייט. יאָ, ער האָט עפּעס צו טאָן. ער האָט שנעל אַ צילעווע געטאָן אויף די צוויי אומשולדיקע, שיינע, דערשראָקענע נשמהס; טיק, טיק, טשיפּ, טשיפּ . . . קוילן מיט טונקעלן אַשיקן־רויך, מיט פּריקרע פּולווער ריח, האָבן אַוועקגעלייגט טויט אין אַ ריטשקעלע בלוט, יאָסל לאָזער מילנערס און מרים געצל חלאָפּ־פּאָפּ׳ס טאָכטער.

די שטעטלדיקע יידן האָבן ווי פון שרעק צוגעאיילט זייערע מידע, אויסגעמוטשעטע פיס, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אין אַ זייט, מיטן שאָסייאיקן קאַלדשטויב, די צוויי יונגע שיינע טויטע גופים פון יאָסלען און מרימן. דער רב פון



שטעטל האָט ווי צו זיך אַליין געשעפּטשעט: „אוי, רבינו של עולם, אַ גרויסע זכיה פון אַ ייד. יאָ, אַ זכיה טאַקי, אומצוקומען אויף קידוש השם. אוי, אוי, ברוך דיין אמת״ . . .

די ליידן פון די געטריבענע יידן זענען געווען עד לב השמים. אַלע האָבן זיך שטילערהייט געקלאַפּט אין האַרצן, פרעגנדיק ווי זיך אַליין: „פאַרוואָס? טאַקי פאַרוואָס? אוי, אוי, רבינו של עולם״ . . . דאָקטאָר זייפמאַן האָט אויך געפּרוווט נאָכטאָן יאָסלען, אָבער די רוצחישע דייטשן האָבן אים גוט צעשלאָגן, באַפוילן ווייטער צו מאַרשירן. געצל חלאָפּ־פּאָפּ האָט כסדר אויף זיך געריסן די בגדים שרייענדיק ווי אין זיך: „מרים, מרים, אוי, אוי״. אויך ער האָט זיך געריסן מחוץ די רייען. אים האָבן אויך די דייטשן צוריקגעשטופּט, באַפוילן שנעל צו מאַרשירן. אַלע האָבן נישט געקענט פאַרשטיין וואָס פאַר אַ זכיה יאָסל מיט מרימען האָבן דאָס געהאַט אין הימל, ביים רבינו של עולם . . .

זיי האָבן אָפילו ניט געוווּסט, אַז אויף יאָסלס ליפּן איז געווען דער ניגון פון זיין טאַטן, וואָס ער פלעגט אַזוי מאַרודנע טרויריק מיט־זינגען, בעת די שבתדיקע שלוש־סעודותן, גם כי אלך בגיא צלמות, לא אירא רע כי אתה עמדי.

פון איבער דעם וואַלדישן שאָסיי, נעבן די ווייסל־בריק, איז געקומען אַ גרעגערדיקער כאָרכלדיקער עכאָ פון די ליידיקע פויערישע פורלעך, פאַרנדיק פון שטעטלדיקן מאַרק־טאָג, אויסגעמישט מיט אַ אומעטיק דונערדיקן עכאָ, ווען טייל פורלעך זענען שוין אַריבער די הילצערנע ווייסל בריק, אַ ריח ווי פון געווענדזלטע הערינג האָט זיך פאַרשפּרייט אין די לופט פון די ברענענדיקע מענטשלעכע קערפּערס אין די שאָסיי גריבער. די זון איז פאַרגאַנגען אין אַ רויט־ראָזיקן הימל, מאַכנדיק דעם איינדרוק ווי בלוט וואָלט געפלאָסן פון ערגעץ ווו . . . דערזעענדיק די צוויי יונגע, שיינע, טויטע קערפּערס פון יאָסלען און מרימען, האָבן די דאָרפישע קי ווי טרויריק־וויינענדיק, געגרעוועט, אַהיים קומענדיק פון די לאַנקעס צום דאָרף.

## יידישע וועלט קאנגרעס — בריטישע סעקציע


איסט לאָנדאָן בראַנטש

לאָזט וויסן אַלע אָרגאַניזאַציעס און דעם פּובליקום דאָס אַ

**וואַרשעווער געטא-אויפשטאנד מעמאריאל פארזאמלונג**

וועט געהאַלטן ווערן אין די גרענד פּאַלעי, א.1

**זונטאג**, 28־טן **אפריל**, כ״ז ניסן, 2.30 בייטאָג

די רעדנער וועלן איינשליסן:

**רבי משה סוויפט** — פון דער פעדערייישאָן.

**י. הלוי** — פּאָרזיצער יידישן וועלט קאָנגרעס.

**דר. ש. לעווענבערג** — פאַרטרעטער יידישע אַגענץ.

**מ. זילבערג** — סעקרעטאַר ייווא, לאָנדאָן.

וועגן ווייטערדיקע אינפאָרמאַציעס —

J. H. BARNETT, Organising Sec., 55 New Cavendish Street, W.1

## א. נ. שטענצל

### שקצים און רמזים . . .

#### די רעגן־ווערעם און די שטעכנדיקע מיקן

אַז די ווערעם קריכן אַרויס פון דער ערד,
בסך־הכל נאָר אַ סימן אַז פרילינג ווערט,
און פייגעלעך ווען האָבן וואָס צו פּיקן.

און זע ווי קלאָר ס׳ווערט דער הימל, ווי בלוי,
און ווי בלימל צעפינקלט אין טראָפּן טוי
ווען איבער קאָפּ עס טאַנצן דיר די מיקן.

### די בין און די זשאבע

„לא מדבשך ולא מעקצך״, זאָגט מען די בין,
אָבער, ווען מען זעט זי אַהער און אַהין,
אַ שוועבנדיקע אַזוי צווישן די בלומען,
ווייסט מען ערשט, אַז דער פרילינג איז געקומען.

נאָך גוט וואָס די זשאַבע אין זומער מען הערט,
ווייסט מען אַז זומפּיק ווו איז דאָ די ערד,
און מען היט זיך דאָס וואַסער נישט צו טרינקען,
און ביז האַלדז אין זומפּ נישט צו פאַרזינקען.

### דער מיסט־זשוק

אין פערד־עפּל דער מיסט־זשוק ער קריכט נישט אומזיסט,
אין קאַלטן ווינטער איז וואַרעם אים אינם מיסט;
קומט זשומענדיקער זומער, אַ זוניק־זאַטער,
גלוסט זיך אויך אַ מיסט־זשוק צום הימל טון אַ פלאַטער.

אָבער מסת״ איז דאָך עפּעס אַן אונטערשיד,
פון אַ שמעטערלינג, אַרויס פון אַן עפּל־בליט,
און אַזאַ, פון אַ פערד־עפּל אַרויסגעפּלאַטערט — —

אַ זשוקל, נעבעך, וואו עס קאָן, עס פאַרשטעקט זיך.
און ווען דאָס פליגעלע זיינס צו פליען שטרעקט זיך,
מיט וואָס אָפּגעשמעקט זיך און ווינטער אָפּגעפּאַטערט.

### ס׳משיחל

עס האָט פּיסעלעך און עס גייט,
אַז ס׳נעמט די פליגעלעך אַרויס פון ,שייד,
קאָן עס פליען גאָט ווייסט ווי ווייט.



TOWER
HAMLETS
LIBRARIES

אָקאָרשט פון אַ קנאָספּל אויפגייט,
אַ געפינטלט בלימל אויף אַ בייט,
ווען די פליגעלעך עס צעשפּרייט —

אָט־אָ צום אָפּפליען שוין גרייט!
אָבער קיין ריר זיך נישט, ווי שטיל עס שטייט,
דאַכט זיך די גאַנצע אייביקייט — — —

ווייט פאַרפלויגן שוין יענע צייט
ווען יעדעס פינטל געווען אַ באַדייט
נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר: „הבט—״

זע, עס האָט פּיסעלעך, עס גייט,
אַז ס׳נעמט די פליגעלעך אַרויס פון שייט,
און אויף אייזעלע משיח רייט.

### דער „שמיר״*

האָט דער „אויערהאָן״ אים איינגערוימט אַ סוד:
„אַ מזבח פון ערד, מישטיינסגעזאָגט, וואַסער ווערט,
אַ הייליקער טעמפּל מוז זיין „הוד שבהוד״ — —

איי, מ׳טאָר נישט אויפהויבן די בלוטיקע האַק,
צו טעסען דעם מירמלשטיין, צו שניצן דעם עלפנביין,
ווייס איך פון אַ ווערעמל, און מיט איין האַק —

„און פערטיק ס׳איז אַ קאַרניז, אַ זייל, אַ טרעפּ,
עלעהיי, ס׳חלזון־בלוט, און „ס׳ווערמל־זייד״ וואָס טוט?
און מיט דער האַק, אויב ווילסט בלייבן מלך — קעפּ!״

יאָ, שלמה האָט דעם בית־מקדש אויפגעבויט,
אָבער אין האַרץ ווו, ווערעמל וואָס לאָזט נישט קיין רו,
געבליבן שוין ביז זיין קעניגלעכן טויט — — —

### די טיפוס־פלוי

אייזערנע פּיסלעך און קופּערנע נעגל,
און דער דזשוב אַ שאַרף־ציינערדיק זעגל,
אַזוי איז טיטוסעס פלוי באַשריבן.
אָבער ווי אַזוי זיך אַריינגעקליבן,
צו אים אין מוח, אַז אַזוי גרויס געוועזן?
דעם פּשט דאָ ערגעץ ווו געמוזט אים לעזן:

* דאָס ווערמל מיט וועלכן שלמה המלך האָט געשפּאָלטן די שטיינער צו בויען דאָס בית־המקדש.

פון דער מינדסטער פלוי אַ מערדער מוז ווערן,
ווען פונם רוצח זי טוט זיך דערנערן.
פיטשעדיק איז זי אים אין אויער אַריינגעפלויגן,
נאָר ווען זי האָט זיך מיט זיין בלוט אָנגעזויגן,
האָט זי באַקומען די קופּערנע נעגל,
און אַ דזשוב — אַ ציינערדיק זעגל.

## וו ע ר ע מ ד י ק ע . . .

ווייסט איר פאַרוואָס די ווערעמדיקע אַרבעס
ווערן פון די גוטע גאָר אויסגעקליבן?
— ווען מ׳געפינט זיי איז וואָרעם שוין אַרויס,
די לעכער אין די אַרבעס בלויז געבליבן.

אָבער פאַרוואָס די ווערעמדיקע פלוימען
פון די גוטע גאָר אויסגעקליבן ווערן?
— וויפיל די פלוימען נישט צעפרעסן זענען,
גאַנץ עס בלייבן איבער די האַרטע קערן.

## מ א ש ק ע   ח ז י ר ל . . .

ווי פלינק ס׳אַרבעט נישט מיט זיין מיילעכל,
נאָך לויפנדיקער — וויי־חכמדיק נעזל;
ס׳קוקט נשתוממדיק פון יעדן אייגל,
אַ אויף טויט געהעצט און דערשראָקן העזל.

דאָס געשפּאָלטענע ליפּל באַוועגט זיך,
אַ תפילה ס׳וואָלט כסדר רק געפּרעפּלט;
ציטערדיק צינגל צווישן די ציינדלעך —
לעצט פאַרגלייזט אייגל גוססט שוין פאַרנעפּלט.

אַז נישט ווי אַ קאַנאַריקל עס זינגט,
פאַרוואָס האַלט מען עס פאַרשלאָסן אין שטייגל?
ס׳רוט אַ מזל־ברכה אין אַזאַ הויז,
וואו ס׳קוקט אויף דיר אַ טויט־דערשראָקן אייגל . . .

## די קירכן־מויז

די ראַטן פון דער זינקענדיקער שיף,
וווהין קענען זיי שוין דערשווימען?
אין קראָקאָדיל שלינגט זיי אַלעמען איין,
נישט צו בלייבן פון זיי קיין סימן.

איינע, אַזאַ געראַטעוועטע ראַט,
יאָ אַמאָל צו אַ ברעג געשווימען,
איז פון איר געוואָרן אַ קירכנמויז — —
זינגט זי מיט אין „גאָטעס דינסט” הימן.



## דער ביכער־וואָרעם

דער וואָרעם וואָס איז אין כריין געזעסן,
האָט ער דעם גאַנצן כריין אויפגעגעסן,
ווערט פון אים אַ וואָרעם אין בוך.

ס׳נעמלעכע מיטן וואָרעם אין עפּל!
אָבער מיט זיין בויערדיקן קעפּל,
וואָס קען ער שוין פאַרשטיין, נעבעך.

פרעגט ער אַלץ קשיות: פאַרוואָס, וואָרעם?
איינמאָל אַ וואָרעם בלייבט תמיד אַ וואָרעם,
אין כריין, אין עפּל און אין בוך.

## די לויז

כאַפּט זיך אַריין אַ לויז אונטער קאָלנער,
וועסט דו פון איר שוין נישט פּטור ווערן;
מיט אירע קינדס קינדער זיך באַזעצן,
זיך דאָרט צו פרוכפּערן און צו מערן.

אין באָרד וועט זי דיר קריכן און אויף קאָפּ,
און וועסט דו אים אינגאַנצן אָפּשערן,
פאַרקראָכן אין דיין שטאָק־פינסטערסטן אָרט,
וועט אַ מענדיוויסקע פון איר ווערן.

כאַפּט זיך אַריין אַ לויז אונטער קאָלנער,
לעצטן טראָפּ בלוט וועט זי אַריסציען!
זעסטו, אַ פלוי איז דאָך עפּעס אַנדערש,
זי האָט פליגל, וועט זי אַוועקפליען.

אַ פלוי האָט גייסט, עספּרי, זי גיט אַ שפּרונג,
אַ טראָפּן בלוט, און ווייטער געפלויגן.
אַ קריכנדיקע לויז לאָזט פריער נישט אָפּ,
ביז וואַן דער פאַרעך קריכט דיר אין די אויגן.

## ד י   פ ל ו י

אַז פלוי כאַפּט זיך אין לייבס גריווע אַריין,
זי בלייבט אַלץ אַ נעבעכדיקע פלוי;
איי זי דערקוטשעט אים שטאַרק אַזוי — — — —

כדי מלך פון די חיות צו זיין,
דעם נסיון מוז ער קענעןביישטיין:
מיט געקריץ פון זיינע לייבישע ציין
צעבייסן קענען אייגענעם אוי,
און שטיל זיך צוקוקן אָט־אַזוי
צום געשפּרונג פון אַ פּאַסקודנער פלוי.

## די מיסט-פליג

אין אַ טאָפּ מילך איז די געפאַר צו דערטרינקען,
אויפן רוקן פון דער קו צו קריגן מיטן עק;
אָבער ווען אין מיסט, אין פּגרים מען גראָבט זיך איין
באַטעמט איז דעמלט יעדער לעק און אַן מינדסטן שרעק.

ווי בייכלדיק מען ווערט, בורטשין צעגלאַנצט און גרויס,
און ווי האָניק-גאָלדן די פליגעלעך זעען אויס.

אין דושנער שטוב כאַטש אויפן באַלטן צו קריכן,
אַזוי געטריבן ווערט מען דורך פענסטער און דורך טיר;
אין די טויזנטער מיט „קלאַפּער" אויסגעקוילעט,
און אומשולדיקע געכאַפּט אויפן פליגן-פּאַפּיר.

אויף מיסט און אויף פּגרים, אין פרייען דרויסן בלויז,
אין די מיליאָנען מ׳פליאַדעט זיך און מ׳כאָוועט זיך אויס.

## דער ווירוס מיט זיינע וויזיע-ווערעמלעך

זאָל אים קיין בייז-אויג חלילה נישט שאַטן,
דעם ווירוס, מיט צונג געשאַרפטן גלאַטן,
ווען ער גיט דיר ביז אין טאַטנס-טאַטן —
ס׳גייט גלאַט ווי אַ פּזמון, ווי אַ געדיכט.

צעפּלאַשעטע פליגלען זיינע לאָקן,
די אויגן הערצאיש אומדערשראָקן,
ווי ווינד-וואַי, ווי וויגנדיקע גלאָקן,
יעדעס וואָרט איז וואָגיק האָט פול-געוויכט.

צומאָל זיין שווער-בייכיקער קאָך — מיקראָב,
פאַלט אויף קייגן אים מיט גאָרנישט אַראָפּ,
ער קאָכט זיך און בולבעט אין יעדן טאָפּ,
שטעקט זיין נאָז אַריין אין יעדן געריכט.

בלויז דאָס באַצילעכל, דאָס שטילעכל,
מיט מיילעכל ליב, נאָר אויסצוטאָקן,
אַ מלאכל, כאָטש גיי שטעל אים פּאָקן!
אין זייד-פּיזשאַמעס, אין ניילאָן-זאָקן,
קומט עס הינטנאַרים און אומגעריכט.

## דער וואָרעם אין הארץ

— איז אַזאַ מיקראָסקאָפּ דאָ, וואָס מ׳קאָן מיט אים זען,
דעם וואָרעם וואָס כאַפּט זיך אין האַרצן אַריין,
און אויב יאָ, צי קאָן דען אַ רפואה זיין,
דער וואָרעם וואָס דאַרטן זאָל ווען אַרויסגיין?



— ס׳אויג וואָס זעט יענעמס פּיין איז דער מיקראָסקאָפּ,
און די טרער דערין איז דער רפואה-טראָפּ.
בלויז אַזוינס שוין ווען געווען, וועט געשען?

## שנעקן

קריכנדיקע שנעקן מיט קלעביקן שליאַד,
עפּעס ווילט זיך, אַ חוץ ווי צו זיין בלויז זאַט,
ס׳קריכן זיי די אויגן פון די קעפּ אַרויס!
די לאַנגווייליקייט ווען זיי ציען זיך אויס.

אָפּגעגניוכעט, אָפּגעשמעקט און אָפּגעקלעבט,
און וואָס נישט אַלץ אויף דעם לאַנגען וועג דערלעבט — —
קריכט מען צוריק אַריין אינם וואָרעמען הויז,
און גדלותדיק אויף גאַנצן אַרום מ׳שפּייט אויס.

## פלעדערמיז און גליווערעמל

אַז אַ מויז באַקומט שוין יאָ אַ פּאָר פליגל,
פליט זי נישט אין די הימלען מיט געזאַנג;
אַ באַפרייטע מיט פאָכעדיקע פליגל,
אַ ליד צו זינגען פאַר פרייד און פאַר דאַנק.

אין די פינסטערע שטאַלן אַרום זי פליט, —
אַ בייזער רוח אויפשרעקט פערד און קו! —
און ביז אויף די פינסטערע פלעדער-פליגל,
זי הענגט זיך נישט אויף, געפינט זי קיין רו.

און וואָס מיט דעם באַפליגלט ווערעמל? —
מיט דעם סמיקל-מיקל וואָס בייסט און שטעכט,
אַ גאַנצער „ליכט אין דער פינסטערניש" ווערט עס —
אַ פאַרפיר-ליכטל אַזאַ אין די נעכט.

## דער גריל

אַז דער גריל נעמט דעם הינטערן זיך רייבן,
מיינט ער ס׳שפּילן שאַלאַמייען און פלייטן;
ערשט ווען זיינע צוויי פליגל טון זיך קראַצן,
הערט ער סטראַיענדיקע פידלען באַגלייטן.

און ווען איבער גרעזל ער שפּרינגט אַריבער,
צי קאָן מען צו אים פאַרגלייכן אַ צווייטן?
אַ הערש ער איז, צווישן געוואַלטיקע בערג,
ער זעט זיין הערשעכע קומען פון ווייטן.

### די שפּין

אין די אייגענע פּעדעם פאַרשפּינען,
ווערט געפאַנגען וועבנדיקע שפּין;
צוזאַם מיט איר קרבן פאַרוויקלט זי
דער דרים, וואָס זי פאַרציט אַזוי דין.

אין דעם נעץ, דעם קונציק אויסגעוועבטן,
צאַפּלט נישט נאָר פליגעלע און בין,
זי אַליין ווערט אַ מיטגעפאַנגענע,
מיט איר געשפּין אַהער און אַהין.

### ס׳„לייבל״ (ווידמונג)

מיט פריינטשאַפט צו דעם וואָס וועט זיך פילן געטראָפן דאָ
נישט צו די חיות הקודש, נישט אַ פרום טייבל,
געהערט עס גיכער צו די שקצים — דאָס „לייבל״;

עס איז אַזאַ מין שמירנדיק כל־ולכל,
ווידמעט און ראַיעט אין יעדן קאָכעלעפל,
צווישן בראָכגערטל און פּוכיקן בראָכל,
און פליעסקעט אין עפּושדיקן פּאָמיעס־שעפל.

אַלע סמנים פון אַ קריכעדיקס עס האָט,
עפּעס אַ מין כווי צווישן אַ מאָל און אַ מאָט;
ס׳איז דער ביכער־וואָרעם אין דער „האָלי־בייבל״,
און די מילב אין דער גבאיטעס זיידן הייבל;
עס איז מסתם ביי זיי זייער אינטעלעקטל — —
מילא, אַזויפיל — זאָל זיין נאָך אַן אינזעקטל!

וואָרים צי וואָלט דען אָן ווערעם און מיקראָבן,
אָן די שרצים ורמשים — געווען דאָס לעבן?
פּרעסנדיק זשוקל, אין פּגר שוין באַגראָבן
שענסטע זומער־פייגעלע אַרויסצושוועבן!
יאָ, און ווען קיין „לייבל״ אויף וועלט נישט געווען,
די פּערזן־אַפּאָריזמען מ׳וואָלט דען געלעזן?...

### אַ התנצלות׳ל

„עצל... לך אל נמלה וחכם״ — —
אַזאַ זאָג שלמה געקאָנט האָט זיך טון,
איך אַליין שוין, כביכול, אַן אינזעקט!
אָבער כדי צו בלייבן אימון,
קיינער פון מיר נישט ווערן אָנגעשטעקט,
די וויצן־שפּריצן, אומאויסגערעדט, מסתם.





## אויסגעלאשן איז א גרויס נשמה־ליכט

(נאָכן אָרון פון ד״ר יצחק נחמן שטיינבערג ז״ל)

.1

צווישן לעבן און טויט איז דאָ אַן אייביקער אָפּמאַך, אַ מין שותפות, אַז אַלץ וואָס דער טויט נעמט צו גיט דאָס לעבן אָפּ כפל־כפלים.

דאָס לעבן צאָלט טאַקע מיט גרויסע פּראָצענטן פאַר אונדזערע פיזישע אבידות, אָבער לגבי אונדזערע גייסטיקע פאַרלוסטן איז דאָס לעבן שטאַרק פאַרחובעט, ממש מכולה.

דאָס איז די טעמע, וואָס א. מוקדוני באַהאַנדלט אין זיין אַרטיקל „שיטער ווערן אונדזערע שרייבערישע רייען״, אין דעם לעצטן נומער (26) פון „די גאָלדענע קייט״.

דאָס לעבן איז נישט ממלא דעם טיפן חלל, וואָס דער מלאך־המות לאָזט איבער אין אונדזער קולטורוועלט.

אָט דער גייסטיקער דעפיציט איז איצט אומגעהייער פאַרגרעסערט געוואָרן מיט דער פטירה פון ד״ר יצחק נחמן שטיינבערג ז״ל. דאָס איז באמת אַן „אבידה שאינה חוזרת״, אַ אומדערזעצלעכער פאַרלוסט.

ער איז געווען אַ זייל אַ פעסטער אין אונדזער קולטורלעבן. אמת, אַ באַהאַלטענער זייל, אַ צנועדיקער, אָבער אַ פונדאַמענטאַלער.

אין אים האָט געהערשט די האַרמאָניע פון שיינעם מענטש און שיינעם ייד; דער שבת־יום־טובדיקער ייד, ווי פרץ האָט דעם מין ייד באַצייכנט, וועמענס נשמה טוט פלאַקערן.

באמת, אַ טייערער ווייַן אין אַ טייערן קרוג.

אַ חוץ ייחוס־עצמו האָט ער פאַרמאָגט ייחוס־אבות. זיין שטאַמבוים — רש״י. די גאָלדענע קייט איז נישט איבערגעריסן געוואָרן. דער טאַטע איז געווען אַ גרויסער למדן, אַ בעל־השכלה, און די מוטער זיינע — די עלטערע שוועסטער פון בעל־מחשבות — האָט געקאָנט גוט העברעאיש, אפילו אַ פרק משניות.

ער האָט באַקומען אַ שטרענג־רעליגיעזע דערציאונג. צוזאַמען מיט די לימודי־חול האָט ער געלערנט גמרא. אפילו ווען ער איז שוין שפּעטער אַוועק קיין היידלבערג אויפן אוניווערזיטעט האָט דער טאַטע זיינער אים מיטגעגעבן דעם רבין זיינעם, דעם גמרא־מלמד ר׳ זלמן ברוך ראַבינקאָוו.

און אַזוי האָט געשוואומען אין ים התלמוד, אַז אפילו זיין דיסערטאַציע האָט ער געשריבן אויף דער טעמע: „די לער פון פאַרברעכן אין תלמוד״.

.2

שוין אין 1906 טרעט ער אַריין אין דער סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי. ער פאַרזוכט דעם טעם פון די צאַרישע תפיסות; פון איינער אַרויס און אין דער צווייטער אַריין.

אַזוי ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אין 1917, ווען די לינקע ס״ר זענען אַריין אין דער ערשטער סאָוויעטישער

רעגירונג, ווערט ער יוסטיץ־מיניסטער. אין שלום אַשס „דריי שטעט“ געפינען מיר דעם פּראָטאָטיפּ פון אָט דעם פאָלקס־קאָמיסאַר פאַר יוסטיץ.

האַלטן די וואָגשאָל פון גערעכטיקייט אין זיינע הענט איז געווען זיינס אַן אידעאַל, ווייל אויף זיין פאָן איז געווען אָנגעשריבן דער אַלטער „צדק, צדק תרדוף!“ נאָר ווען לענין האָט געזאָגט, אַז אַלע מיטלען, אפילו די אומווירדיק־סטע, זענען כשר פאַר דער רעוואָלוציע, האָט עס שטיינבערג נישט געקאָנט גורס זיין.

— סטייטש, בלוט! טעראָר! רציחה! דאָס איז דאָך טמא! מען קאָן דאָך נישט קעמפן פאַר אַ געהויבענעם מאָראַלישן אידעאַל מיט נידעריקע אַנטי־מאָראַלישע מיטלען.

ער, דער גריסער הומאַניסט, דער קעמפער פאַר יושר און צדק, דער מענטש פון הויכער מאָראַלישער קוואַליטעט, האָט בשום־אופן נישט געקאָנט מסכים זיין צום טרייפענעם געדאַנק אַז אויפן מזבח פון דער רעוואָלוציע מעג מען ברענגען טויזנטער מענטשלעכע קרבנות.

האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון זיין גרויסן אַמט און איז אַוועק פון סאָוויעט־רוסלאַנד. ער האָט זיך באַזעצט אין בערלין, וואו ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט קולטור־אַרבעט און שריפטשטעלעריי.

זיין שרייבערישע טעטיקייט האָט ער נאָך אָנגעהויבן אין רוסלאַנד — אויף רוסיש. ער האָט צעשריבן אַ וועלט אין פּאַרטיי־אָרגאַנען און אין טאָג־צייטונגען, וואָס ער האָט רעדאַקטירט.

אין בערלין, האָט ער אַ חוץ רוסיש, אויך געשריבן דייטש. און, אין דער שפּראַך, האָט ער אָנגעשריבן זיין דראַמע „דער דערנערוועג“, אונטערן פּסעוודאָנים מ. לעוואַנדין, וועלכע האָט באַקומען די דראַמע־פּרעמיע פון דעם ברעמענער „געטע־בונד“. די דראַמע האָט מען טאַקע שפּעטער אויפגעפירט אין ברעמען. דערנאָך אין מאַדריד, בעתן בירגער־קריג. י. ראַפּאָפּאָרט האָט די דראַמע איבערגעזעצט אויף יידיש אונטערן נאָמען „דער וועג פון פיין“.

אין דער דראַמע פירט ער אַרויס די פאָרשטייער פון די פאַרשיידענע גרופּירונגען און ריכטונגען, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער רעוואָלוציע, בתוכם — ער אַליין אין דער פּערזאָן פון „אַלעקסאַנדער איוואַנאָוויטש“. די דראַמע גיט אַן אָפּשפּיגלונג פון יענער היסטאָרישער צייט און דעם דערנערוועג פון די אמתע אידעאַליסטן.

אין 1926 גייט ער איבער צו יידיש. די התחלה ווערט געמאַכט אין דער „פרייער אַרבעטער שטימע“ און אין „צוקונפט“. ער הייבט אָן אַרויסגעבן אין ווילנע די צייט־שריפט „פרייע שריפטן“. ער ווערט אויך אַ מיטגרינדער פון דער ייוו״א.

מיטן אויפשטייג פון נאַציזם פאַרלאָזט ער בערלין און קומט קיין לאָנדאָן. דאָ גיט ער אַרויס די וואָכנשריפט „דאָס פרייע וואָרט“, און איז ממשיך דרוקן די „פרייע שריפטן“ — מיט גרויסע שוועריקייטן און נסיונות.

ער האָט געשריבן מיט ברען, מיט חסידישער התלהבות, אָבער מיט אויס־



געמאַכט זיין שוץ־מיטל. מיט חבדישער עמקות. דער קאָפּ האָט תמיד באַהערשט דאָס צאַפּלדיקע האַרץ. ביי אים האָבן זיך מזדווג געווען די לאָגיק מיט דעם געפיל און פון זיי ביידן איז געבוירן געוואָרן דאָס שיינע תוכיקע וואָרט זיינס. אפילו די וואָס האָבן מיט אים נישט מסכים געווען האָבן געהאַט גרויס דרך־ארץ פאַר זיין געשליפן וואָרט, דאָס וואָרט פון אַ מוכיח, וואָס האָט אונדז פאַרכישופט, אינספּירירט און מיטגעריסן.

3.

איז שטיינבערג געווען אַ סאָציאַליסט? מיין ענטפער איז:

ער איז געווען אַ רעליגיעזער נאַציאָנאַליסט־סאָציאַליסט־אַנאַרכיסט.

זשיטלאָווסקי האָט געפירט אַ כסדרדיקן קאַמף פאַר דער באַהעפטונג פון די צוויי קעגנזייטיקע כוחות אין אנדזער לעבן — נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם. ער האָט געהאַלטן פון דער גמרא: „יש מקום בראש להניח שני תפילין“, אַז דער קאָפּ קאָן פאַרטראָגן צוויי פּאָר תפילין. איז געקומען שטיינבערג און האָט די גמרא פאַרבעסערט; נישט צוויי, נאָר ד ר י י פּאָר תפילין, און אויף זיך אַליין האָט ער דעם עקספּערימענט דורכגעפירט. ער האָט געשאַפן דעם סינטעז פון די דריי סתירותדיקע כוחות: רעליגיע, נאַציאָנאַליזם און סאָציאַליזם.

ער האָט אָפּגעהיט די טראַדיציאָנעלע יידישע רעליגיע מיט אַלע אירע תרי״ג מצוות. מען זאָגט, ער האָט קיין מנחה קיינמאָל נישט פאַרפעלט, אפילו בעת ער האָט זיך באַטייליקט אין אַ קאַבינעט זיצונג פון דער סאָוויעט רעגירונג.

זיין פרומקייט איז נישט געווען קיין רעקלאַמע־פרומקייט, און — נישט ביליק האָט עס אים געקאָסט, ווי ביי די היינטיקע אָפּגעשטעמפּלטע „אָרטאָ־דאָקסן“ מיט די פּיצעלעך יאַרמעלקלעך אויפן שפּיץ קאָפּ. ער האָט אויף זיך געטראָגן דעם פולן יידישן רעליגיעזן יאָך, דעם גאַנצן עול־מלכות־שמים מיט אַלע זיינע חומריות, נאָר שטיל, עניוותדיק, ווי ס'שטייט געשריבן: „והצנע לכת עם אלהיך“ — און אומגיין שטיל זאָלסטו פאַר דיין גאָט.

ווען ער איז געווען אין דרום־אַפריקע, דערציילט גערשאטער, דער רעדאַק־טאָר פון „זייאָניסט רעקאָרד“, איז ער געפאָרן זען גאָטס וואונדער — די וויקטאָריאַ וואָסערפאַלן. נאָר היות ווי דער עקספּרעס צוג, וואָס גייט איינמאָל אין דער וואָך, פאַרפאָרט אין שבת אַריין, האָט זיך שטיינבערג געשלעפּט מיט אַ קאַפּירשן משא־צוג גאַנצע 24 שעה אנשטאט 12. אָפּגעמוטשעט זיך אַ גאַנצע נאַכט צווישן די שוואַרצע אויף די ברודנע האַרטע בענק, האָט ער זיך אין פרי איינגעהילט אין טלית און תפילין און אַ דערפרישטער האָט ער גענומען דאַווענען שחרית.

פון דעסטוועגן, כאָטש ער האָט זיך אַליין געפּענטעט אין רעליגיעזע קייטן, האָט ער באמונה שלימה געגלויבט אין פרייקייט פון גייסט, אָבער די פרייקייט זאָל זיין באַזירט אויף די העכסטע תורות פון עטיק און פּרינציפּן פון יושר. דערפאַר האָט ער געפּריידיקט אַ שמן־זיתדיקן אַנאַרכיזם, אַ נאַציאָנאַל סאָציאַ־ליסטישער, וואָס זאָל זיין דורכגעדרינגען מיט די לעילא ולעילאדיקסטע מאָראַלישע ווערטן.

.4

צוויי וועגן שטייען פאַר דעם מענטש צו דערגרייכן זיין ציל — אַ לייכטן און אַ שווערן. וועלכן וועג זאָל ער זיך אויסוויילן?

אוודאי דעם לייכטן!, אַזוי זאָגט דער שכל-הישר.

שטיינבערג וואָלט געוויס געקאָנט זיך אויסקלייבן דעם לייכטן וועג אין לעבן; קומען קיין ישראל און ווערן אַ פירער פון דער דאָרטיקער אַרבעטער פאַרטיי. היינט וואָלט ער געוויס געווען אַ מיניסטער.

דער לייכטער וועג איז אָבער נישט דער וועג פון אַ בונטאַר. דער דרך־המלך, דער אויסגעטראָטענער שליאַך, איז אָפט אַ ציל־ברעט פאַר די פיילן פונעם רעוואָלוציאָנער. ער האָט זיך זיין אייגענעם רשות-היחיד, זיין אינדיווי־דועלער שטעג, מעג עס אפילו זיין אַ דערנערוועג, באַרג אַרויף.

און, ווער שרעקט זיך פאַר שוועריקייטן בשעת מע דינט מיט אמונה אַ הויכן אידעאַל?

מיט אַדלער־פלי און לייבן־שפרונג איז ער צוגעטראָטן צו רעאַליזירן די גאָר נישט לייכטע „פריילאַנד“ אידיי.

אוודאי האָט ער געהאַט וואַרעמע סענטימענטן פאַר ארץ־ישראל. ווי דען אַנדערש, אַז דאָס גאַנצע לעבן בעט מען דריימאָל אין טאָג „ולירושלים עירך ברחמים תשוב“; „ובנה ירושלים“; „אור חדש על ציון תאיר“.

דאָס האַרץ האָט ראָמאַנטיש געבענקט נאָך ירושלים און ציון, אָבער די קאַלטע לאָגיק האָט ווידער באַהערשט די ראָמאַנטיק, געזאָגט:

— ארץ־ישראל איז אַ מאַנדאַטן-לאַנד. זי האָט צרות מיט ענגלאַנד, צרות מיט די אָרטיקע אַראַבער, צרות פון די שכנישע לענדער. חוץ-לזה, איז א״י צו קליין פאַר אַ גרויסער איינוואַנדערונג. זאָל דערפאַר זיין נאָך אַ טעריטאָריע פאַר יידן.

און מיט וואַסאַראַ אומבאַשרייבלעכן ענטוזיאַזם און מסירת־נפש איז ער אַוועק זוכן אַזאַ טעריטאָריע. אמת, ער איז דורכגעפאַלן, און נישט איינמאָל, אָבער נאָך יעדן דורכפאַל, האָט ער ווידער אָנגעהויבן פונסניי.

ווי שטייט דאָרט אין משלי: „שבע יפול צדיק וקם!“; דער רעכטפאַרטיקער קאָן זיבן מאָל פאַלן און ווידער זיך דערהויבן.

י א ו ש? — דאָס וואָרט געפינט זיך נישט אין זיין ווערטערבוך.

אדרבא, ווי האָט געשריבן הערצל אין זיין „אַלט־נייַלאַנד“: „יאוש איז אַ טייערער מאַטעריאַל, פון וועלכן מען קאָן מאַכן די טייערסטע זאַכן!“

און פון די יאוש־פעדים, אויב זיי האָבן זיך אַמאָל באַוויזן, האָט ער אויס־געפלאָכטן אַ נעץ צו פאַנגען דעם שטן וואָס שטייט אים אין וועג.

דער שטן, אויב ער האָט אים נישט געקאָנט בייקומען מיט יאוש־נסיונות, האָט אים גענומען שטראָפן מיט איוב־צרות; צוגענומען די ווייב, דערנאָך די באַליבטע שוועגערין זיינע און דער לעצטער קלאַפּ — דער פלוצימדיקער טויט פון דער טאַלאַנטירטער יונגער טאָכטער זיינער. און — די סטרונע פון זיין אָפּגעשוואַכט האַרץ האָט געפּלאַצט. אויסגעלאָשן איז אַ גרויס נשמה-ליכט.





## דר. י. נ. שטיינבערג

(אַן אויסצוג פון די רעדע צו די שלושים פונם נפטר)

מען זאָגט אַז — „קיין זאַך אין לעבן איז ניט אַזוי זיכער און פּאָזיטיוו ווי דער טויט“ — און ס׳איז אמת. אָבער אין געוויסע אויסנאַמס פאַלן איז דער טויט גאָר ניט אַזוי פּאָזיטיוו און זיכער ווי מיר גלויבן.

מיר ווייסן פון מענטשן וועלכע זיינען געשטאָרבן מיט צענטליקע און אפילו הונדערטער יאָרן צוריק, דאָך לעבן זיי נאָך אין די הערצער און געדאַנקען פון איצטיקע דורות, און וועלן אויך לעבן אין די הערצער און מוחות פון די קומענדיקע דורות, ווייל פאַר דער געשיכטע זיינען יענע מענטשן ניט געשטאָרבן.

אָט צו די אויסנאַמס פאַלן באַלאַנגט אויך דר. יצחק נחמן שטיינבערג ז״ל. וועלכער איז, ליידער, צו פרי אַוועק פון אונז, און וועמענס אָנדענקען מיר זיי־נען דאָ פאַרזאַמלט אָפּצוגעבן דעם געהעריקן כבוד.

די היינטיקע פאַרזאַמלונג וואָס איז פאַרטראָטן פון פינף פאַרשידענע יידי־שע קערפּערשאַפטן דאָ אין לאָנדאָן, סימבאָליזירט די ברייטע פאַרצווייגונג פון דעם נפטרס טעטיקייט.

ניט דער גוף אַליין פון יצחק נחמן שטיינבערג איז געלייגט געוואָרן אין קבר, נאָר אויך אַ שטאַרק פאַרצווייגטער בוים, מיט טיפע צאָרצלען אין באָדן פון יידישן פאָלק פון אונזער צייט, איז מיט אים אַוועק.

און דער צוועק פון דער היינטיקער פאַרזאַמלונג דאַרף זיין ניט בלויז צו טרויערן איבער זיין טויט, נאָר אונטערצוציען דעם סך־הכל פון זיין לעבן.

ווי שוין געזאָגט, יצחק נחמן שטיינבערג איז ניט טויט פאַר אונז. אַזעלכע מענטשן ווי ער שטאַרבן ניט אין גייסטיקן זינען. פאַר אַזעלכע מענטשן ווי ער איז דער טויט ניט דער ענדגילטיקער, פּאָזיטיווער סוף.

דער טויט איז אַ פּאָזיטיווער סוף נאָר פאַר אַזעלכע וועלכע האָבן קיין פּאָזיטיוון לעבן געהאַט. אָבער אויף אַזעלכע מענטשן ווי דער נפטר, און זיין גלייכן — אויף זיי האָט דער טויט קיין גייסטיקע שליטה ניט.

די פטירה פון אַזעלכע מענטשן, איז נאָר ווי דער פאַלן פון לעצטן פאָר־האַנג, נאָכן לעצטן אַקט פון אַ שטאַרקער דראַמע, ווען דער עולם בלייבט זיצן טיף גערירט, סיי פונם אינהאַלט, און סיי פון דער דורכפירונג פון דער דראַמע.

און פונקט ווי מען קען ניט אָפּשאַצן דאָס ווערט פון אַ דראַמע אויף דער בינע ביז דער לעצטער פאָרהאַנג פאַלט, אַזוי קען מען אויך ניט אָפּשאַצן די גרויסקייט פון אַ מענטש ביז צום סוף פון זיין לעצטן אַקט.

רבי הלל האָט געזאָגט: „ואל תאמן בעצמך עד יום מותך“ (גלויב ניט אין זיך אַליין ביזן טאָג פון דיין טויט). און ווי אמת דאָס איז!

די געשיכטע באַווייזט, און מיר ווייסן עס אַפילו אויך פון אונזער אייגע־נער צייט, אַז געוויסע גרויסע מענטשן זיינען געשטרויכלט געוואָרן דורך זייער אייגענער גרויסקייט און אייגנשאַפטן וואָס זיי האָבן מיסברויכט. מענטשן

וועלכע זיינען פאַרבלענדעט געוואָרן פונם גלאַנץ פון כבוד, אָדער געלט, פון מאַכט אָדער אַמביציע, און זיי האָבן פאַרלייקנט דאָס אין וואָס זיי האָבן פריער געגלויבט, און האָבן חרוב געמאַכט דאָס וואָס זיי האָבן פריער געשאַפן.

אָט דערפאַר, ווי רבי הלל זאָגט, טאָר מען ניט גלויבן אין זיך, און אפשיטה שוין אין אַנדערע, ביזן טאָג ווען דער לעצטער פאָרהאַנג פאַלט.

אַלזאָ, דער לעצטער פאָרהאַנג איז, ליידער, שוין געפאַלן אויפן לעבן פון אונזער אַלעמענס באַליבטן און אומפאַרגעסלעכן חבר, לערער און פריינט, יצחק נחמן שטיינבערג, ז״ל.

די פון אונז וועלכע האָבן געהאַט די זכיה אים צו קענען פערזענלעך פון די יאָרן ווען ער האָט געלעבט און געאַרבעט דאָ מיט אונז אין לאָנדאָן, קענען זיך קוים פאָרשטעלן אַז אָט די דינאַמישע פערזענלעכקייט, וואָס האָט תמיד געברענט, ווי משה רבינו׳ס סנה — דער דאָרן אין דער מדבר, אַז ער איז שוין פון יענער זייט פאָרהאַנג, און איז שוין ניט מער מיט אונז!

אָבער, ליידער, איז עס אַ טרויעריקעווירקלעכקייט. דער לעצטער פאָרהאַנג איז געפאַלן, און מיר קענען יעצט אָפּשאַצן דעם גרויסן ווערט פון זיין דראַמאַטישן לעבן.

דער נפטר איז געווען איינער פון די מערקווירדיקסטע גרויסע מענטשן ביי אונדז יידן פון יעצטיקן יאָרהונדערט.

זיין נאָבעלער לעבן האָט באַוויזן אַז ער איז געווען ניט פון די וואָס וואָרפן זיך פון איין ריכטונג צו אַ צווייטער, פון איין אידעאַל צו אַ צווייטן, ווי מאַנכע אַנדערע האָבן עס געטאָן, צוליב פערזענלעכע נוצן.

יצחק נחמן שטיינבערג, וואָלט איך געזאָגט, איז געווען אַן עקשן, מיט אַ פעסטער ענטשלאָסנקייט, פאַר איין צוועק און ציל, און דאָס איז געווען — צו שטרעבן און צו אַרבעטן פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט. און אָט פאַר דעם אידעאַל איז זיין עקשנות געווען די טרייב־קראַפט פון זיין דינאַמישער ענערגיע.

פרייהייט פאַר אַלע מענטשן, אָבער מער פון אַלעם — פרייהייט, זיכערקייט און גערעכטיקייט פאַר זיינע אייגענע ברידער פאַר וועלכע ער האָט געזוכט אַ זיכערן פרייען ווינקל.

זיין עקשנות איז געווען אַ פּראָדוקט פון זיין שטאַרקן גלויבן; אַ גלויבן אין פולען זינען פון וואָרט — אַ רעליגיעזער גלויבן און אויך אַ אוניווערסאַלער גלויבן.

זיין יידיש־אָרטאָדאָקסיש רעליגיעזע דערציאונג האָט אים ניט געשטערט נאָך פון זיין פריסטן יוגנט זיך אַריינצוואַרפן אין דער סאָציאַליסטיש רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, און אַלס יונגער סטודענט האָט ער שוין פאַרזוכט דעם טעם פון סיביר.

און שפּעטער, אַלס יונגערמאַן, ווען ער האָט שוין געהאַלטן אַ מיניסטעראַמט אונטער לענין, איז ער ניט פאַרבלענדעט געוואָרן פונם גלאַנץ פון גרויסקייט און מאַכט. ער האָט מקריב געווען זיין קאַריערע, אַזוי גיך ווי ער האָט אויסגעפונען אַז דאָס איז ניט די פרייהייט צו וועלכעס ער האָט געשטרעבט און



פאַר וועלכער ער האָט געקעמפט.

שטיינבערג איז געווען אַ צוזאַמענשטעל פון פאַרשידענע אייגנשאַפטן: ער איז געווען אַ רעאַליסט און אויך אַ טרוימער; אַ טעאָרעטיקער אָבער מיט אַ פּראַקטישן הינטערגרונט; אַ טיף־רעליגיעזער, און צו גלייכער צייט אַ ראַציאָנאַליסט; אַ קעמפער פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם, און אין דער זעלבער צייט אויך אַ זוכער פאַר אַ פרייען ווינקל פאַר זיינע ברידער; אַן אַריסטאָקראַט אין זיין קליידונג, האַלטונג און מאַניערן, אָבער אַן אויסגעשפּראָכענער דעמאָקראַט אין זיין דיינקען, שרייבן, ריידן און האַנדלונג.

אין זיין אידעאַל איז ער געווען, ווי שוין געזאָגט, אַן עקשן; זיין עקשנות איז אָבער ניט געווען אַ דעספּאָטישער עקשנות וואָס זוכט אַרויפצוצווינגען זיין מיינונג און ווילן אויף אַנדערע, נאָר אַ סאָרט עקשנות וואָס קומט פון גלויבן און איבערצייגונג; אַן עקשנות וואָס וויל אויך אַנדערע איבערצייגן, כדי אַז אויך זיי זאָלן קענען גלויבן אין דעם וואָס ער האָט געגלויבט.

זיין „פריילאַנד״־אידעע האָט ניט געצילט אויסצושליסן דעם אידעאַל פון **ארץ ישראל**, נאָר ער האָט געגלויבט אַז די לאָזונג פאַר יידן דאַרף ניט זיין בלויז ישראל.

נאַטירלעך האָט זיין אידעע געמוזט אַרויסרופן קעגנערשאַפט פון געוויסע קרייזן, אָבער די קעגנער זיינען געווען בלויז אידעאָלאָגישע ניט פערזענלעכע.

יצחק נחמן שטיינבערג האָט, אַלס מענטש, ניט געהאַט, און אויך ניט געקענט האָבן, קיין פערזענלעכע קעגנער, ווייל ער איז געווען צו פיין און צו איידל אין כאַראַקטער זיך אַזעלכע קעגנער צו שאַפן. ער האָט ניט געקענט חנפ׳נען קיין מענטשן, ער האָט אָבער אויך ניט געקענט האַסן קיין מענטשן, און דערפאַר, האָט ער אין ערגסטן פאַל געקענט האָבן נאָר אידעאָלאָגישע קעגנער, אָבער ניט קיין פערזענלעכע פאַראַכטער, און שונאים האָט ער אוודאי און אוודאי ניט געהאַט.

אַפילו אין די הייסטע וויכוחים מיט זיינע קעגנער, סיי ווערטערלעך און סיי שריפטלעך, האָט ער זיך אימער באַצויגן מיט העפלעכקייט, מיט פריינטלעכקייט, מיט טאָלעראַנץ און מיט טאַקט.

ער איז געווען אַזוי איבערצייגט און זיכער אין זיין שטאַנדפּונקט וואָס ער האָט פאַרטראָטן, אַז ער האָט קיין מורא געהאַט אַז אַ קעגן־מיינונג וועט אים צעטרייסלען.

אָט אַזאַ מערקווירדיקער ייד און מענטש איז געווען יצחק נחמן שטיינבערג. ער האָט תמיד געזוכט; תמיד געוואַנדערט.

און זוכנדיק צו באַלייכטן דעם וועג פאַר אַנדערע, און וואַנדערנדיק צו געפינען אַ ווינקל פאַר אַנדערע, האָט ער אפשר, און איך באַטאָן דעם וואָרט — אפשר, אַליין פאַרבלאָנדזשעט.

אָבער דער ליכט־טורעם אין זיין בלאָנדזשען איז געווען זיין טיפער, ערלעכער און אויפריכטיקער גלויבן; אַ גלויבן ניט אין דאָגמאַס, נאָר אין אמת פון לעבן.

אַט דערפאַר, זאָג איך, אַז יצחק נחמן שטיינבערג איז ניט געשטאָרבן. ער איז נאָר געשיידט פון אונז און פון זיינע ליבסטע און טייערסטע.

זאָלן זיי זיין געטרייסט מיטן באַוווסטזיין אַז זיין נאָמען וועט ניט פאַרגעסן ווערן צווישן יידן פון דער גאַנצער וועלט, ווייל זיין נשמה איז ניט אויסגעגאַנגען מיט זיין אָטעם. זיין גייסט לעבט און שוועבט איבעראַל וווּ יידן זיינען.

און לאָמיר, דאָ די פאַרזאַמלטע, זיך טרייסטן דערמיט וואָס זיין ברודער צו לאַנגע יאָר — דר. אהרן שטיינבערג — דער קולטור־זייל פון יידישן וועלט־קאָנגרעס — איז מיט אונז, און וועט איה״ש נאָך זיין מיט אונז, נאָך אַ סך יאָרן און וועט אויספילן אָט דעם חלל וואָס זיין ברודער ע״ה האָט איבערגעלאָזט צווישן אונז. לאָמיר ווינטשן דר. אהרון שטיינבערג — הארך ימים — לאַנג לעבן, און לאָמיר זאָגן נאָך יצחק נחמן שטיינבערג זכרונו לברכה — ערע זיין אָנדענקען!

---

## י. וו. פאדאלסקי

## דר. י. נ. שטיינבערג, דער מיטגרינדער פונם ייוו״א

מיט דער פטירה פון דר. שטיינבערג, האָט די וועלט בכלל און די יידישע וועלט בפרט, פאַרלוירן איינעם פון זיינע שענסטע זין. ער איז געווען איינער פון די לעצטע געבליבענע קינדער פון דעם רוסיש־יידישן דור, וואָס האָט אין זיך איינגעזאַפּט אַ סך יידיש וויסן מיט אַ ברייטער וועלטלעכער קולטור מיט אַ שטאַרקער ליבע פאַר סאָציאַלן יושר.

זיין שטורמיש רעוואָלוציאָנער לעבן אין רוסלאַנד, האָט קיינמאָל ניט אָפּגעשוואַכט זיין צוגעבונדענקייט צום יידישן פאָלק. זיינע טיפע רעליגיעזע געפילן האָבן צוגעגעבן אַן אויסטערלישע שיינקייט און אַ געפיל פון אמת'ער ערנסטקייט צו זיין פיל פאַרביקן לעבן. ער האָט פאַרבונדן גוף מיט נשמה סיי אין זיין פריוואַטן לעבן, סיי אין זיין געזעלשאַפטלעכן לעבן. אין אַלע זיינע ווערק, אָנהויבנדיק פון די „זכרונות פון אַ פאָלקס קאָמיסאַר“, ביז „געלעבט און געחלומט אין אויסטראַליע“, פילט מען די אויפריכטיקייט פון דעם פערזאָן און די פאָדערונגען פאַר יושר און ליבע פון מענטש צו מענטש.

דר. שטיינבערג איז געווען אַ פריינט און חבר מיט אַלעמען פון גרויס ביז קליין. אין זיין קעגנוואַרט האָט זיך קיינער ניט געפילט פרעמד, אָדער הכנעהדיק. ער האָט אַלעמען דערנענטערט, צו אַלעמען אַרויסגעוויזן די זעלבע אויפמערקזאַמקייט און די זעלבע ליבע. און פונקט אַזוי ווי ער האָט געפילט צום איינצעלנעם, אַזוי האָט ער געפילט צום כלל, צום יידישן פאָלק. ביי אים אין הויז אין בערלין, אין 1924, איז פאָרגעקומען די ערשטע באַראַטונגען וועגן שאַפן אַ „יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט“. ער איז געווען אַלע יאָרן אַ מיטגליד פון דירעקטאָרן ראַט פון דעם אינסטיטוט ביז מיט צוויי יאָר צוריק, ווען ער איז צוליב טעכנישע סיבות אַרויס פון דעם ראַט, אָבער ער איז געבליבן אַ מיטגליד פון דעם אינסטיטוט ביזן טויט.

דר. שטיינבערג איז געווען דער גרינדער פון דער לאָנדאָנער סעקציע



ייוו״א, ענדע 1934, און די זיצונגען פלעגן אָממיינסטנס אָפּגעהאַלטן ווערן אין זיין הויז, אין אבערדייר גאַרדענס. ער איז גלייכצייטיק געווען רעדאַקטאָר פון די „יידישע שריפטן“, מיטאַרבעטער און דערנאָך רעדאַקטאָר פון „אויפן שוועל“, און געגרינדעט אין לאָנדאָן אין 1933 דעם וואָכענטלעכן זשורנאַל „דאָס פרייע וואָרט“. אַן איבערגעגעבענער תלמיד פון בן־אדיר, האָט ער נאָך בן־אדירס טויט אנבערגענומען דאָס רעדאַקטירן דעם „אויפן שוועל“, און מיט לייב און נשמה, זיך איבערגעגעבן דעם אידעאַל פון דער „פריילאַנד“ באַוועגונג.

צום באַדויערן, האָט מען צוליב זיין עקשנותדיקן פריילאַנד פרינציפּ, ניט גענוג אָפּגעשאַצט דעם מענטש, די פערזענלעכקייט פון דר. שטיינבערג. ער האָט געהאַט דעם כוח צו גיין קעגן שטראָם פאַר זיין אידעאַל. ער און זיין פאַמיליע האָבן געבראַכט זער פיל קרבנות פאַר דעם אידעאַל, און ביזן טויט האָט ער געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון שאַפן אַ מקום־מנוחה פאַרן ליידנדן יידישן פאָלק, אויסער, און ניט אין קעגנזאַץ פון מדינת ישראל.

צוליב זיין גרויסער ליבע צום יידישן פאָלק, האָט ער אין זיך פאַרקערפּערט און געטראָגן די ליידן פון פאָלק, און איז געשטאָרבן פון אַ צעבראָכן האַרץ פאַר זיינע מיט־מענטשן און זיין פאָלק. כבוד זיין אָנדענק!

---

## משה שקליאר

## דער לעצטער וועג

געווידמעט דעם אָנדענק פון מיין לערער ישראל ליכטענשטיין,
דעם מיטאַרבעטער פון רינגעלבלום־אַרכיוו

אַזוי גייט צום טויט דער לערער ישראל — —
די ביינער פון זיינע תלמידים אין טאָל,

געבליבן זיי זענען דאָרט עלנט, אַליין נאָר —
די טייערע שילער, די קינדערישע ביינער.

ער גייט און ער הערט אויף זיין וועג אויפן שווערן!
ווי ס'רופן די ביינער: אוי, לערער, אוי לערער!

אַרום איז אַ שטאָט שוין אינגאַנצן פאַרטיליקט,
זיי ציען זיך אַלץ נאָך צום לעבן די ביינער
נאָר ס'הערט זיי נישט קיינער, עס הערט זיי נישט קיינער.

האָט ער אינם טאָל פון די ביינער געגנידערט,
צוזאַמענגענומען די קינדערישע גלידער,

ער האָט מיט זיין אָטעם דעם טייערן און הייסן
די קינדערישע ביינדלעך לעבן געהייסן.

---

ביז היינט נאָך גייט אויף, ווי פון טיפע תהומען,
אין שמייכל פון קינד — פון מיין לערער דער נאָמען.

## 2. יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע

פון דעם אופן, ווי אַזוי דער העברעאישער טערמין „דמה״ ווערט אין אַלע זיינע אָפּצווייגונגען באַנוצט אין תנ״ך, צייגט זיך אַרויס אַז דער כח המדמה: די פאַנטאַזיע פון מענטש איז דער אַרכיטעקט פון זיינע רעיונות: אידעען. דער טערמין געפינט זיך ביי שילדערן שיינקייט אָדער מיאוסקייט, למשל „זאת קומתך דמתה לתמר שדיך לאשכלות״: די הויכקייט דיינע איז ענלעך צו אַ פאַלמען-בוים און דיינע ברוסטן ווי הענגלעך וויינטרויבן. (שיר השירים ז׳) און — „הנוה והמענגה דמיתי בת ציון״: די שיינע און דעליקאַטע האָב איך פאַרגעשטעלט די טאָכטער פון ציון. (ירמיה ו׳) אָדער — „דמיתי לקאת מדבר״: איך בין ענלעך צו אַ פעליקאַן פון דער מדבר. (תהלים ק״ב) און — „כמעט כסדם היינו לעמרה דמינו״: ווי סדום וואָלטן מיר געווען צו עמורה געגליכן. (ישעיה א׳). מען געפינט אים אויך ביי פעסטשטעלן אמת אָדער שקר, למשל „אל מי תדמיון ד׳ ומה דמות תערכו לו״: צו וועמען ווילסטו פאַרגלייכן דעם אַלמעכטיקן און וועלכע געשטאַלט איז ווערטיק צו אים? (ישעיה מ׳) און — „ויולד בדמותו כצלמו״: אדם האָט געבוירן אַ זון אין זיין געשטאַלט ווי זיין בילד. (בראשית ה׳) אָדער — „אל תדמי בנפשך להמלט בית המלך מכל היהודים״: דו זאָלסט דיר ניט איינרעדן צו אַנטרינען אין קעניגלעכן הויז פון דעם וואָס וועט טרעפן אַלע יידן. (אסתה ד׳) און — „אל מי דמית בגדלך״: צו וועמען ביזטו (פרעה) ענלעך אין דיין גרויסהאַלטן? (יחזקאל ל״א) און מען געפינט אים ביי גוטע מחשבות אָדער ביי שלעכטע, למשל „דמינו אלקים חסדך בקרב היכלך״: מיר האָבן געטראַכט אַלמעכטיקער פון דיינע חסדים ווען מיר זענען געווען אין דיין היכל. (תהלים מ״ח) אָדער — „ויסבו עלי את הבית לילה אותי דמו להרג ואת פילגשי ענו ותמת״: אַרונגערינגלט האָבן זיי דאָס הויז, מיך געטראַכט צו דער׳הרג׳ענען און מיין קייבס־ווייב האָבן זיי פאַרפייניקט צום טויט. („פילגש בגבעה״ — שופטים כ׳) ווי אויך ביי אַנדערע אידעאישע אַסאָסיאַציעס און קאָמבינאַציעס.

מען מז דעריבער אָננעמען, אַז דער כח המדמה איז, לויט דער יידישער מסורה, דער מקור פון מענטשס בחירה: פרייער ווילן. מחמת די קאָנטראַסטישע באַגריפן פון שיין און מיאוס, אמת און שקר, צידקות און רישעות זענען אידעען פון כח המדמה, וואָס האָבן ניט אין נאַטור לעבן קיין באַטייט אָדער זינען, האָט דערפאַר יעדער מענטש די ברירה אָנצורופן זיינע מעשים ווי ער וויל: די זעלבע מעשים וועלכע איין מענטש באַצייכנט זיי, שיינע, אמתע אָדער צידקות׳דיקע ווערן פון אַ צווייטן באַצייכנט, מיאוסע, שקר׳דיקער אָדער רישעות׳דיקע. אָבער דער כח המדמה האָט צוויי עצה־געבער, אין דער יידישער מסורה הייסן זיי יצר הרע און יצר טוב. דער יצר הרע איז משמעות׳דיק דעם גוף׳ס עגאָיזם, וואָס לאָזט ניט דעם כח המדמה טראַכטן פון עפּעס אַנדערש אַחוץ פון קנאה, תאוה און כבוד. און דער יצר טוב איז דער נשמה׳ס וועלט פאַרשטענדעניש: דער שכל, וואָס אַנטוויקלט אין כח המדמה די אידעען פון זעלבסט דערהאַלט



און געזעלשאַפטלעכער צוזאַמענלעבונג.

ווי עס איז אָנגעוויזן געוואָרן אין דער גמרא באַגינט דער יצר הרע צו פונקציאָנירן אין מאָמענט פון מענטשס געבוירן ווערן. דער רוימישער קייזער אַנטונינוס האָט געפרעגט צו רבי: ווען הויבט־אָן דער יצר הרע צו באַהערשן דעם מענטש, צי בעת זיין מוטער ווערט מיט אים טראָגעדיק אָדער ווען ער ווערט געבוירן? ווען ער ווערט געבוירן—איז געווען רבי׳ס ענטפער. האָט אים אַנטונינוס אָפּגעוואָנדן, דערקלערנדיק: אויב אַן עמבריאָ זאָל האָבן אַ ווילן וואָלט עס אויפגעריסן זיין מוטערס בויך און אַרויסגעקומען, דעריבער מוז מען אָנגענומען אַז דער יצר הרע הויבט־אָן באַהערשן דעם מענטש ווען ער ווערט געבוירן. האָט רבי געזאָגט די וויסנשאַפט האָב איך געלערנט פון אַנטונינוס און זיין סברא ווערט אונטערשטיצט אין אַ פּסוק (בראשית ד׳) „אם תיטיב שאת ואם לא תיטיב לפתח חטאת רובץ״: אַז דו וועסט גוטס טאָן ביזטו דערהויבן—געשיצט פון זינדיקן און אויב דו וועסט ניט גוטס טאָן הויערט פון דיין געבוירן ווערן דער אַנריידער צו זינד. (סנהדרין צ״א). אַ באַווייז דערויף ווערט אויך געגעבן פוןווירקלעכן לעבן, „ווען אַ קינד ליגט נאָך אין וויגעלע רייצט אים שוין דער גלאַנץ פון אָביעקטן—ער שטופּט זיינע פינגערלעך אין די אויגן פון זיין מוטער און אפילו אין פייער. ער איז זיך אויך שוין טועה — ער נאַשט זיינע הענטלעך, זיין קאָלדרע און וואו נאָר עס לאָזט זיך צו באַקומען מילך, וואָס דער אינסטינקט פון די אַנדערע קליינע בעלי חי לאָזט זיי ניט טאָן.״ (אבות דרבי נתן פי״ו־ג׳) און אַז דער יצר הרע איז פעאיק צו באַהערשן דעם כח המדמה אויך פון דערוואַקסענע מענטשן, געפינט מען ביים דור המבול — „וכל יצר מחשבות לבו רק רע כל היום״: און יעדער פאַרלאַנג אויסגעטראַכט פון זיין האַרץ איז שטענדיק נאָר אַ שלעכטער. (בראשית ו׳).

דער יצר טוב אָבער, דאָס הייסט דער שכל, הויבט ערשט אָן צו זיין טעטיק ווען דער מענטש איז דערוואַקסן, לויט דער יידישער מסורה — אַז ער איז דרייצן יאָר אַלט. (אבות דרבי נתן פי״ו ב׳). מחמת דער שכל אַנטוויקלט זיך פון באַטראַכטן אייגענע דערפאַרונג אין ליכט פון פאַרגאַנגענע געשעענישן, ווי דער תהלים פּאָעט האָט געזאָגט „מכל מלמדי השכלתי כי עדותיך שיחה לי״. (פון פאַרגאַנגענע געשעענישן. — תהלים קי״ט). דעריבער ווערט אַ מענטש פאַרשטענדיקער וואָס עלטער ער ווערט. און פון דעם ווי אַזוי דער העברעאישער טערמין „שכל״ ווערט באַנוצט אין אַלע זיינע אָפּצווייגונגען אין תנ״ך, זעט מען טאַקע אַז דער שכל פון מענטש איז זיין גוטער וועג־ווייזער אָדער יצר טוב. ווי למשל „משכיל על דבר ימצא טוב״: ווער עס באַהאַנדלט אַ זאַך מיט פאַרשטאַנד געפינט דעם רעזולטאַט אַ גוטן. (משלי ט״ז) אָדער — „מקור חיים שכל בעליו״: אַ קוואַל פון לעבן איז דער פאַרשטאַנד צו זיינע באַזיצער. (משלי י״ט) און אַן אַ שכל איז אומגעקערט — „דברי פיו און ומרמה חדל להשכיל להיטיב״: די רייד פון זיין מויל זענען זינדיק און פאַלש ער האָט אויפגעהערט צו פאַרשטיין צו טאָן גוטס. (תהלים ל״ו) אָדער — „אדם תועה מדרך השכל בקהל רפאים ינוח״: דער מענטש וואָס פאַרבלאָנדזשעט פון שכל־

דיקן וועג רוט צווישן די טויטע. (משלי כ״א). מען דאַרף האָבן שכל צו רעליגיע — „היש משכיל דרש את אלקים״: צי עס איז פאַראַנען אַ פאַרשטענדיקער (מענטש) וואָס זוכט דעם אַלמעכטיקן? (תהלים י״ד) ווי אויך צו פאַרזאָרגן זיך מיט עסן — „אגר בקיץ בן משכיל״: ווער עס פאַרזאַמלט (שפייז) אין זומער איז אַ פאַרשטענדיקער זון. (משלי י״ט). און אָפצווייגונגען פון טערמין „שכל״ ווערן אפילו באַנוצט אַלס סינאָנימען פון צלחה — „ויהי מדי צאתם שכל דוד מכל עבדי שאול״: ווען די פלשתים זענען אָנגעפאַלן האָט דוד מער מצליח געווען ווי אַלע באַדינטע פון שאול. (שמואל א׳ י״ח).

די מסקנא דערפון דאַרף זיין, אַז די גייסטיקע אָדער לעבנס כוחות פון מענטש פונקציאָנירן, לויט דער יידישער מסורה, אין דעם אופן: די חושים פון מענטש קומען אין קאָנטאַקט מיט דער אַרומיקער וועלט און שיקן איבער זייערע איינדרוקן צום זכרון. די אָביעקטן וועלכע די חושים האָבן אויפגענומען צם ערשטן מאָל גיין פון זכרון צו דעם כח המדמה ער זאָל זיי אַנאַליזירן, כדי פעסטצושטעלן זייער אידענטיטעט און וואָס ער וועט האָבן פון זיי, און די אָביעקטן וועלכע זענען שוין פון פריער פאַרצייכנט אין זכרון ווערן איבערגעגעבן צום כח המדמה מיט אַ פולער באַשרייבונג פון איינצלהייטן און געשעענישן ביי די פאַריקע טרעפונגען, אום ער זאָל באַשליסן וואָס איצט צו טאָן. איז די אַנאַליזע וועגן די נייע אָביעקטן אָדער דער רעפאָרט וועגן די אַלטע אָביעקטן פון אַן אַנגענעמען אינהאַלט, דרינגט אָן דער יצר הרע אָדער דער עגאָיזם ביי דעם כח המדמה — ער זאָל באַשליסן נאָך אַ מאָל צו האָבן דעם פאַרגעניגן. טאָמער אָבער איז די אַנאַליזע אָדער דער רעפאָרט פון אַן אומאַנגענעמען אינהאַלט, דרינגט אָן דער יצר הרע אָדער דער עגאָיזם ביי דעם כח המדמה ער זאָל זיך דערווייטערן פון די אָביעקטן. דער יצר טוב ווידער, אָדער דער שכל, רעכנט זיך ניט מיט דעם אַנגענעמען אָדער אומאַנגענעמען אינהאַלט פון דער אַנאַליזע אָדער רעפאָרט, נאָר מיט דעם פועל יוצא: אויסקום. איז דער אויסקום פון דער אַנגענעמע אָדער אומאַנגענעמע געשעעניש געווען לטובת דעם מענטשנס אייגענעם לעבנס־דערהאַלט אָדער לטובת דער געזעלשאַפטלעכער צוזאַמענלעבונג, דרינגט אָן דער שכל ביי דעם כח המדמה ער זאָל באַשליסן עס נאָך אַ מאָל צו טאָן. טאָמער אָבער איז דער אויסקום פון דער אַנגענעמע אָדער אומאַנגענעמע געשעעניש ניט געווען לטובת דעם מענטשנס לעבנס־דערהאַלט און אויך ניט לטובת דער געזעלשאַפטלעכער צוזאַמענלעבונג, דרינגט אָן דער שכל ביים כח המדמה ער זאָל באַשליסן ניט צו טאָן. דער שטרייט צווישן דעם עגאָיזם און דעם שכל ווערט אויסגעקעמפט אין כח המדמה, און ווען דער כח המדמה, וואָס איז דער מקור פון מענטשנס בחירה, פרייער ווילן, האָט באַשלאָסן וועמען ער זאָל פאָלגן שיקט ער איבער זיין באַשלוס צום כח המתעורר און דער כח המתעורר מאַניפעסטירט דעם באַשלוס פון כח המדמה מיט עמאָציעס פון גוטסקייט אָדער בייזקייט, שרעק אָדער העלדישקייט, אכזריות אָדער רחמנות, ליבע אָדער פיינטשאַפט, רואיקייט אָדער באַוועגונג פון די אברים עפעס צו טאָן.



ל. רעזניק

## דער מעכאַנישער פלאַנעט

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם קומענדיקע אינטערנאַציאָנאַלן געאָ־פיזיקל־יאָר, ווען די פעלקער גייען זיך פאַרנעמען מיטן אונטערזוכן דעם כאַראַקטער און די אייגנשאַפטן פון אונזער „ערד״, גייען זיי אויך אין דער זעלבער צייט אַרויסלאָזן אַ מעכאַנישן פלאַנעט וועלכעס, ווי זיי גלויבן וועט אַרומרינגלען די ערד 300 מיילן הויך, און פאָלגלעך וועט אונזער הימל־משפחה פאַרגרעסערט ווערן מיט נאָך אַ מיטגליד. עס איז דעריבער ווערט צו דערמאָנען די לעצטע וווּנדערבאַרע דערפינדונגען פון אונזערע ביז איצט פאַרבאַרגענע מיטגלידער, ספעציעל די ענטדעקונג פון די דריי וויכטיקע און גרויסע פלאַנעטן: „אוראַנוס״, „נעפטיון״ און „פלוטאָ״. וועגן דעם דערפינדער פון פלאַנעט „אוראַנוס״, סיר וויליאַם הערשעל, שרייבט דער באַוווסטער אַסטראָנאָמער, סיר ראָבערט באָלל, דאָס ער איז געקומען פון דייטשלאַנד קיין ענגלאַנד אָפצוגעבן אייניקע מוזיקאַלישע קאָנצערטן. אַזוי אָבער ווי זיינע קאָנצערטן זיינען געווען זער דערפאָלגרייך, האָט ער זיך דאָ באַזעצט פאַר גוט, און איז נאַכהער געוואָרן אַן ענגלישער אונטערטאַן.

„הערשעל״, שרייבט ווייטער סיר ראָבערט באלל, „האָט ליב געהאַט, אויסער זיין מוזיק, צו קוקן אויפן הימל און באַוווּנדערן די פאַרשידנאַרטיקע הימלליכט. כדי זיך צו באַקענען נענטער מיט אָט די צויבערהאַפטע ליכט, האָט ער באַשלאָסן צו קריגן אַ גוטן טעלעסקאָפ. אַזוי אָבער ווי דאָס איז געווען שווער צו באַקומען האָט ער באַשלאָסן דאָס אַליין צו פאַבריצירן, זייענדיק אויך אַ גוטער מאַטעמאַטיקער, — זעצט פאָר סיר ראָבערט באַלל, — האָט די אַרבעט אים זער געראָטן. אין אַ קורצע צייט איז ער באַוווסט געוואָרן אַלס דער בעסטער פאַבריקאַנט פון טעלעסקאָפן, און געמאַכט פון דעם גוטע געשעפטן. שפעטער, מיט זיין בעסטן טעלעסקאָפ, האָט ער זיך אונטערגענומען צו מאַכן אַן אויספירלעכן קאַטאַלאָג פון די שטערן״.

„דאָ איז ווערט צו דערמאָנען״, שרייבט סיר ראָבערט באַלל, „דאָס אַפילו אין די ווינטער אָוונטן און אין די וואָלקנלאָזע קלאָרע נעכט, ווען דער הימל איז אָנגעפיקעוועט מיט שטערן, קען מען מיטן נאַקעטן אויג זען ניט מער ווי אייניקע טויזנט שטערן, אָבער מיט אַ גוטן טעלעסקאָפ קען מען זען מיליאָנען און מיליאָנען פון זיי. דאָס האָט דאָך הערשלען ניט אָפגעשראָקן. ווען נאָר עס איז געווען מעגלעך פאַר אים איז ער געגאַנגען פון ווינקל צו ווינקל און רעגיסטרירט יעדן שטערן אין זיין אויג.

אַ גאַנץ קליינער שטערנדל אין אַן אָרט פאַרכאַפט זיין קוק. ער האָט געוווסט דאָס אַ געוויינלעכן שטערנס פאָרמאַט קען מען נישט זען. עס פינקלט און פינקלט און ניט מער. דער שטערנדל אָבער שיינט צו האָבן אַ געוויסן פאָרעם, ווי אַ טעלערל און שיינט ווי אַ לעמפל. אין אַ פאָר אָוונטן שפעטער האָט ער באַמערקט דאָס ער איז אָפגעפאָרן פון זיין פריערדיקן פלאַץ.

„דאָס איז ניט אַ שטערן, דאָס איז אַ פלאַנעט״, האָט הערשעל אויסגערופן.

און באַלד האָט די אַסטראָנאָמיש וועלט הערשלען פראָקלאַמירט אַלס דער דערפינדער פון אַ נייעם פלאַנעט, דעם 7־טן אין צאָל, און האָבן עס אַ נאָמען געגעבן „אוראַנוס", נאָכן גריכישן מיטעלאָגישן הימל־גאָט.

מערקווירדיק איז אויך די ענטדעקונג פון 8־טן פלאַנעט, וועלכן די אַסטראָנאָמער האָבן אַ נאָמען געגעבן „נעפטיון", נאָך דעם רוימישן ים־גאָט.

די מערקווירדיקייט פון די דערפינדונג פון דעם פלאַנעט איז, דאָס ער איז ענטדעקט געוואָרן ניט זעענדיק אים אויפן הימל נאָר אין דעם שרייב־צימער פון אַ פראַנצויזישן פראָפעסאָר מיטן נאָמען טעוויער, און גלייכצייטיק ביי אַן ענגלישן פראָפעסאָר מיטן נאָמען אַדאַמס.

די מאַטעמאַטישע געלערנטע האָבן באַמערקט דאָס „אוראַנוס" ווערט ערטערוויז געשטערט פון זיין נאָרמאַלן גאַנג. „די שטערונג מוז קומען פון אַ געוויסע קערפערשאַפט וועלכע לויטן געזעץ פון כוח־המשיכה ציט אָפ דעם אומשולדיקן פלאַנעט פון זיין געזעצלעכע וועג", האָבן זיי אויסגערעכנט. אַסטראָנאָמער האָבן דעם אינטריגאַנט ניט לאַנג געדאַרפט זוכן. זיי האָבן אים באַלד געפונען ווו די צוויי מאַטעמאַטיקער האָבן אָנגעצייגט און אויך ווי זיין גרויסקייט און שווערקייט זאָל זיין.

זער ווונדערבאַר מוז אויך באַטראַכט ווערן די דערפינדונג ביי אַן אַמעריקאַנער אין דעם יאָר 1930, דעם פלאַנעט, וועלכן די אַסטראָנאָמער האָבן אַ נאָמען געגעבן „פלוטאָ", נאָך די גריכישע מיטעלאָגיע, דער גאָט פון „היידס", דאָס הייסט פון די אונטער־וועלט און דער ברודער פון „אוראַנוס", „יופיטער" און „נעפטיון".

ווען מען באַטראַכט אויך דאָס „פלוטאָ" איז 3,700 מיליאָנען מיילן ווייט פון די זון, אַזוי ווייט, דאָס זיין רייזע אַרום די זון מוז אים נעמען ניט ווייניקער ווי 250 יאָרן, לויט אונזער רעכנונג; ווען אונזער ערדס רייזע נעמט נאָר איין יאָר, „אוראַנוס" אַרום 84 יאָר און „נעפטיון" אומגעפער 165 יאָר, קען מען דאַן אַ באַגריף האָבן ווי ווייט „פלוטאָ" איז פון די זון. און פאָלגלעך ווי גרויס מוז זיין די וויסנשאַפט פון זיין דערפינדער. און אַזוי אויך מיט די ענטדעקונג פונם פלאַנעט „פלוטאָ", און זינט הערשעלס ענטדעקונג פון 4 לבנות אַרום זיין פלאַנעט, „אוראַנוס", איז אונזער זונס פאַמיליע באַוווּסט געוואָרן צו אונז צו ענטהאַלטן 9 גרויסע פלאַנעטן, איינגעשלאָסן אונזער ערד, אַרום 150 קליינע פלאַנעטן, (זיי דרייען זיך אַרום אַביסל ניט רעגלמעסיק צווישן „מאַרס" און „יופיטער"), אַרום 30 לבנות, טיזנטוער קאָמעטן און מעטעאָרס, די אַלע געשטיצט און געפירט ביי אונזער ראש־המשפחה, די זון.

נעמענדיק אין אנבאַטראַכט דעם איצטיקן באַשלוס פון די פעלקער צו קריכן אין הימל מיט אַ מעכאַנישן פלאַנעט, — ווערט דאָס ניט ברענגען וואָס עס האָט געבראַכט צו די ביבלישע פעלקער וועלכע האָבן גענומען בויען אַ טורעם צו גרייכן ביזן הימל אַריין? סמנים, אַזעלכע וואָס האָט דאַן געטראָפן צו די בויער פונם טורעם זען מיר שוין גאַנץ דייטלעך. די שפראַכן פון די פעלקער ווי פון יענע, זיינען צומישט, איינער וויל ניט פאַרשטייען דעם אַנדערן.



## ש. י. דאָרפזאָן

## נאָטיצן וועגן יידישע ביכער

### „אחד העם און זיין באַציונג צו יידיש", פון זלמן זילבערצווייג

איינער פון די דינאַמישסטע יידישע שרייבער, מחבר פון אַ צוויי צענדליק ביכער אויף יידישע טעאַטער־טעמעס, איבערזעצער פון פיעסן, געניטער זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר פון די צוויי מאָנומענטאַלע ווערק „לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער", האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק, זיך ווי אָפגערוקט פון דעם (אפשר לאַנגווייליקן) יידישן קולטור־יריד פון ניו־יאָרק און זיך אַריבערגעקליבן אין דעם ווייטן, זוניקן לאָס־אַנדזשעלעס.

האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דער טאַלאַנטירטער זלמן זילבערצווייג, וועמען די השגחה האָט באַשאָנקען מיט אַ זייער פרוכטבאַרער פען, פראָוועט דאָרט התבודדות און ער שרייבט, אפשר, די מעמואַרן פון זיין זייער אינטערעסאַנטן לעבן; וועגן זיינע באַגעגענישן מיט הונדערטער יידישע אַקטיאָרן און אַקטריסעס, אין משך פון זיינע נסיעות איבער לענדער און שטעט, זאַמלנדיק דאָס זייער אינטערעסאַנטע ביאָגראַפיע מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער. אָבער זלמן זילבערצווייג איז בפירוש נישט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט און ער האָט נישט געפראָוועט קיין התבודדות, אַפשליסנדיק דעם חשבון פון זיין 60 יאָריקן לעבן, וועמענס יובילייי מ׳האָט, אגב, געפראָוועט מיט אַ יאָר צוריק.

ליגט פאַר אונז זיין נייעסטער בוך וועגן „אחד העם און זיין באַציונג צו יידיש". אַ טעמע, וואָס דאַרף, אין פלוג, זיין פרעמד דעם טעאַטראַל, זלמן זילבערצווייג, ווייזט זיך אַרויס, אַז אחד העם איז ביי אים אויך אַ זייער גאַנגבאַרע טעמע און ער באַהאַנדלט זי טאַקע אויספירלעך.

אין דעם דאָזיקן בוך זענען אַריין אַ צאָל פאָלעמישע אַרטיקלען, געשריבן מיט צענדליקער יאָרן צוריק פון דעם פילאָלאָג נח פרילוצקי, מתתיהו מיזיש, ח. נ. ביאַליק, ש. ניגער, מ. ספעקטאָר און מיט אַ אינטערעסאַנטן, ביז גאָר, איינלייטונגס־וואָרט פונם מחבר, ז. זילבערצווייג גופא.

שטעלט זיך אַ קשיא:

האָט זיך געלוינט, גראָד איצט, נאָך אונזער גרויסן חורבן, ווען עס איז ממש אונטערגעגאַנגען דאָס יידישע לעבן און זיין שפראַך אין די מזרח־אייראָפעאישע ישובים, פונדאָסניי צו באַהאַנדלען דעם דאָזיקן ענין?

אַז מען לייענט זילבערצווייגס בוך באַקומט מען די ריכטיקע תשובה, וואָס איז אַ פאָזיטיווער „יאָ". עס האָט זיך געלוינט צו גריבלען אין דעם וואַלד פון פאָלעמיק און חקירות וועגן אחד העמס באַציונג צו יידיש.

זילבערצווייג האָט באַנוצט די גינציקע געלעגנהייט, לכבוד אחד העמס הונדערטסטן געבוירן טאָג (ער איז געבוירן געוואָרן דעם 5־טן אויגוסט, 1856, אין דעם אוקראַאינישן שטעטל סקוויד), כדי צו באַווייזן, אויפן סמך פון די אינם בוך אַנגעוויזענע מקורות, אַז אחד העם האָט, אייגנטלעך, געבלאַנדזשעט אין זיין פאַנאַטישער שנאה צום יידישן לשון; אַז דער מחבר פון דעם וואָגיקן ווערק

„על פרשת דרכים“, האָט אָפּט געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציונג צום „זשאַרגאָן“ און פאַרקערט: אָפטמאָל האָט דער העברעאישער קנאי אַרויסגעוויזן אַסך וואַרעמקייט צו יידיש.

ז. זילבערצווייג באַמיט זיך אויפצופּלאָנטערן דעם קנויל פון דעם זייער קאָמפּליצירטן ענין, און מיר באַקומען אַן אַלזייטיק בילד וועגן דער מערקווירדיקער פּערזענלעכקייט פון אחד העם (זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען אשר גינצבערג) איינער פון די אַמייסט קריטיקירטע העברעאישע דענקער צוליב זיין מלחמה, וואָס ער האָט אין משך פון יאָרן געפירט קעגן דעם יידישן לשון, נישט פאַרגינענדיק איר צו ווערן די נאַציאָנאַלע פאָלקס־שפּראַך פון יידישן פאָלק. די ווירקלעכקייט האָט אָבער באַוויזן און באַשטעטיקט, אַז אחד העם איז געווען אומגערעכט אין זיין קאַמף קעגן יידיש, וואָס איז, פון זיין אַמאָליקן שפלות דערהויבן געוואָרן צו אונזער נאַציאָנאַלער שפּראַך. דאָס האָט באַשיימפערלעך באַוויזן און באַשטעטיקט די שפע פון די יידישע טאָגצייטונגען, וואָכנבלעטער און זשורנאַלן, וואָס זענען דערשינען — און דערשיינען עד־היום — אין די תפוצות אויף דער גאָרער וועלט; די גרויסע צאָל פאַרלאַגן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן טויזנטער יידישע ביכער, אָריגינעלע און איבערגעזעצטע פון דער וועלט־ליטעראַטור; דער וווּקס פון יידישן טעאַטער, די אַנטשטייאונג פון הונדערטער יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, דער נעץ פון די יידישע טאָג־שולן, וכדומה און ודכומה.

דער סך־הכל:

דער קאָמיטעט, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דאָס דאָזיקע אינטערעסאַנטע און זייער דאַנקבאַרע בוך לכבוד זילבערצווייגס 60־סטן געבוירנטאָג, פאַרדינט אַ גרויסען יישר־כוח.

## א קורצע געשיכטע פון ארבעטער רינג אין ענגלאנד

דעם 17־טן יולי, 1909, איז געגרינדעט געוואָרן אין לאָנדאָן דער אַרבעטער רינג: אַ גרופּע פון יידישע אימיגראַנטן, אַמיינסטן פון רוסלאַנד, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען אין הויז פון נאַטאַן וויינער און דאָרט געגרינדעט די אינסטיטוציע, וועלכע זאָל דינען זייער קולטורעלן און דערציערישן פּראָגרעס און אויך אַלס מיטל פאַר מאַטעריעלער הילף אין פאַל פון קראַנקייט און אַרבעטסלאָזיקייט.

חבר וויינער איז געווילט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר, אַ פּאָסטן וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן מיט מסירות נפש און געטריישאַפט ביז קורץ פאַר זיין טויט אין 1952.

אין 1911 האָט דער „בילדונג־קאָמיטעט“ פון אַרבעטער־רינג געעפנט אַ ביבליאָטעק און לייען־זאַל אין ווטיישעפּל, ווו ס׳פלעגן אָפּגעהאַלטן ווערן ליטעראַרישע אָוונטן, דיסקוסיעס און רעפעראַטן. מען פלעגט אויך דינגען גרויסע זאַלן כדי צו אַראַנזשירן אָוונטן פאַר באַקאַנטע שרייבער און פּאָעטן, וועלכע



פלעגן דורכפאָרן דורך לאָנדאָן און געבן דאָ זייערע פאַרלעזונגען.

דער אַרבעטער רינג האָט איך זער פיל געהאָלפן, סיי מאָראַליש, סיי פינאַנציעל, די יידישע יוניאָנס — ווי צ.ב. אין 1912, אין דער צייט פון אַלגעמיינעם סטרייק פון די „מענטל־מייקערס“, אין 1913 אין בעקער סטרייק און אַ סך אַנדערע פאַרדינסטפולע קערפּערשאַפטן.

פאַרן אויסברוך פון דער ערשטער וועלט מלחמה אין 1914, האָט דער אַרבעטער רינג געהאַט אַרום 12 „בראַנטשעס“ און געציילט אַרום 880 מיטגלידער אין לאָנדאָן און אין די פּראָווינצן.

די מלחמה אָבער האָט איבערגעריסן די דערציערישע און סאָציאַלע טעטיקייט פון אַרבעטער רינג. מען האָט געמוזט אויפגעבן די ביבליאָטעק אין ווייטשעפּל און מען האָט קאָנצענטרירט אַלע כחות צו זאַמלען פאָנדן פאַר מיטגלידער און זייערע פאַמיליעס, וואָס האָבן געליטן פון דער מלחמה און בכלל פאַר נויטבאַדערפטיקע מלחמה קרבנות. פאַר דעם צוועק אַליין איז געשאַפן געוואָרן אַ סומע פון 3,000 פונט.

דער אַרבעטער רינג האָט באַקומען דעם שטאַרקסטן קלאַפּ, ווען אַלס רעזולטאַט פון דער רוסישער רעוואָלוציע אין 1917 און דעם אָפּמאַך מיט דער קערענסקי רעגירונג, האָבן אַלע רוסישע בירגער אין ענגלאַנד פון מיליטערישן עלטער געמוזט זיך מעלדן אין דער ענגלישער אַרמיי אָדער צוריקפאָרן קיין רוסלאַנד. אַרום 300 פון די וויכטיקסטע און אַקטיווסטע מיטגלידער זיינען אַזוי אַרום אַוועק פון אַרבעטער רינג. ביי 1918 זיינען געבליבן בלויז 511 מיטגלידער

אין 1919, ווען פיל פון די אַלטע מיטגלידער האָבן זיך אומגעקערט פון דער אַרמיי און פון רוסלאַנד, האָט זיך ווידער פאַרשפּרייט די דערציערישע אַרבעט פון אַרבעטער רינג און די צאָל מיטגלידער איז געוואָקסן. דער הויפּט ביוראָ איז דאַן באַשטאַנען פון צוויי קליינע צימערן אין בריק־ליין און די נויטווענדיקייט פון גרעסערע צימערן איז געוואָרן דרינגענד. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ „קלוב קאָמיטעט“ צו זאַמלען די נייטיקע פינאַנציעלע מיטלען און די מיטגלידער האָבן זיך זער גוט אָפּגערופן.

עס איז דעמאָלט געקויפט געוואָרן אין עלי סטריט אַ גרויס הויז פון 16 צימערן, מען האָט עס שיין אויסמעבלירט און דאָס הויז איז באַקאַנט געוואָרן מיט דעם נאָמען „צירקל־הויז“. דאָס הויז איז אָפיציעל געוואָרן געעפנט דעם 21־טן סעפּטעמבער, 1924.

די ביבליאָטעק איז געוואָרן אין דעם הויז שטאַרק טעטיק און דער לייענזאַל איז איך באַנוצט געוואָרן פאַר ליטעראַרישע אָוונטן און לערן קורסן אין פאַרשיידענע קעגנשטאַנדן. די אינסטרוקטאָרן זיינען געווען קוואַליפיצירטע לערער פון W.E.A. and L.C.N.C. און אַנדערע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס.

ס׳איז געשאַפן געוואָרן אַ פּראָגרעסיווע שולע פאַר מיטגלידער און זייערע קינדער. עס זיינען אָפט געמאַכט געוואָרן אויפנאַמעס און פאַרזאַמלונגען פאַר באַרימטע יידישע שרייבער און קינסטלער פון אויסלאַנד. עס זיינען אויך כסדר געהאַלטן געוואָרן רעפעראַטן פון באַוווּסטע יידישע און ענגלישע רעדנער פון

לאָנדאָן. באַזונדער פּאָפּולער זיינען געווען די צירקל־הויז זונטיק קאָנצערטן, ווען די גרויסע אַרטיסטן ווי סאָלאָמאָן, סירל סמיטה, איילין דזשאָיס און אַנדערע זיינען אַרויסגעטרעטן פאַר אַ גרויסן עולם.

די קאָנצערטן פלעגן באַריכטעט ווערן אין די נאַציאָנאַלע פּרעסע.

צו די אַלע פונקציעס האָבן זייער פיל צוגעטראָגן די אָרגאַניזירטע פרויען־סעקציע, וועלכע האָט אויך געהאַט אייגענע שטודיום־קורסן.

מיטן אויפקום פון היטלעריזם האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע אַקטיוויטעט. דער אַרבעטער רינג האָט אָנטייל גענומען אין דער גרויסער אַנטי־היטלעריסטישער דעמאָנסטראַציע אין 1938 און האָט אַקטיוו געאַרבעט פאַרן באָיקאָט פון דייטשע סחורות און האַנדל.

אין 1934 האָט דער אַרבעטער רינג אָרגאַניזירט אַ יידישן „לייבאָר קאונסיל“ צו באַקעמפן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם. דאָס האָט שפּעטער דערפירט צו דער גרינדונג פון אַ יידישן פאָלק־קאונסיל מיט דעם אייגענעם ציל ווו מיטגלידער פון אַרבעטער רינג זיינען געווען צווישן די הויפּט אָנפירער.

דער אַרבעטער רינג איז פאַרטראָטן אין יידישן וועלט קאָנגרעס, אין באָאַרד אָף דעפּוטיס און אין אַנדערע יידישע און ניט יידישע אָרגאַניזאַציעס ווו די מיטגלידער אונדזערע שטרעבן אַרנייצוברענגען דעם פּראָגרעסיוון שטאַנדפּונקט פון „סערקל“.

פאַר דער לעצטער וועלט מלחמה האָט דער אַרבעטער רינג געהאַט אַ מיטגלידערשאַפט פון 3,000, מיט 20 „בראַנטשעס“ צעשפּרייט אין לאָנדאָן און אין די פּראָווינצן. דער רעזערוו פאָנד איז געווען הויך און פאַרגלייך מיט דער מיטגלידערשאַפט און די יערלעכע בענעפיטן האָבן געציילט אין די טויזנטער פונטן. דער אַרבעטער רינג באַזיצט אַ דערפאָלגרייכע „בענעפיט סאָסייטי“ אונטער דער אויפזיכט פון דעם נאַציאָנאַלן געזונט פאַרזיכערונגס אַקט, און אַן אַפּרו־הויז אין ליטלהעמפּטאָן מיט צימערן פאַר 30 געסט.

מיטן אויסברוך פון דער לעצטער וועלט מלחמה האָט זיך אָפּגעשטעלט די אַקטיוויטעט פון סאָציאַלן און קולטורעלן אינהאַלט. די שווערע באָמבאַרדירונגען פון לאָנדאָן און בפרט אין דער איסט ענד, די עוואַקואַציע פון די קינדער און ציווילער באַפעלקערונג, די צעשטערונג פון „צירקל־הויז“ פון אַ באָמבע — דאָס אַלץ האָט פאַראורזאַכט אַ פאַרלוסט פון מיטגלידערשאַפט. אין 1941 איז די צאָל געפאַלן צו 2,650. דריי הונדערט מיטגלידער האָבן געדינט אין מיליטער.

מיט שוועריקייטן האָט דער אַרבעטער רינג ווייטער אָנגעפירט מיט דער אַרבעט. דער אַרבעטער רינג האָט אויסגעהאַלטן 19 קינדער־פליכטלינגען, וועלכע זיינען אַדאָפּטירט געוואָרן אין 1939 און האָט געדרוקט פּעריאָדישע אויסגאַבן אין ענגליש און יידיש.

די נאָך מלחמה יאָרן האָבן ניט געבראַכט די דערוואַרטעטע אויפלעבונג פון אַרבעטער רינג. צו דעם האָט גורם געווען וואָס דאָס הויז איז געבליבן צעשטערט, דאָס איבערנעמען די געזונט־פאַרזיכערונג פון דער „וועלפעיר־סטייט“ און אויך דעם פאַקט, וואָס די גרעסטע טייל מיטגלידער האָבן זיך איבערגעצויגן



פון דער איסט־ענד אין אַנדערע טיילן פון לאָנדאָן. דער צירקל־הויז איז געוואָרן צו ווייט צו דערגרייכן פאַר זיינע מיטגלידער.

די גרעסטע טייל פון מיטגלידער האָבן זיך איבערגעצויגן אין העקני און סטעמפאָרד היל און צוליב דעם איז געוואָרן באַשלאָסן צו פאַרקויפן דאָס אַלטע הויז אין דער איסט־ענד און קויפן אַ קליינער הויז אין העקני, וואָס זאָל באַדינען די געבליבענע 1,500 מיטגלידער פון אַרבעטער רינג.

עס איז צו האָפן, אַז די אידעאַלן און צילן פון די פּיאָנערן פון דעם אַרבעטער רינג וועלן ווידער אויפלעבן, מיט דער זעלבער האַרמאָניע און ענטוזיאַזם און איבערגעגעבנקייט פון די מיטגלידער, ווי ס׳איז געווען אין אָנהייב פון דעם יאָרהונדערט, ווען דער אַרבעטער רינג איז געגרינדעט געוואָרן.

געשריבן אין ענגליש : **א. ראלין.**

איבערזעצט : **י. וו. פאדאלסקי.**

## אַרבעטער רינג

אַ פּראָגרעסיווע, פּראָטערנאַלע יידישע אַרבעטער און פאָלקס אָרגאַניזאַציע פאַר מענער און פרויען — יידישע און ענגלישע רעדנדיקע.

אַ קעגנזייטיקע הילפס אינסטיטוציע.

קראַנקן בענעפיטן — 26 וואָכן.

קאָנוואַלעסענט היים אין ליטל העמפּטאָן, ווו מיטגלידער באַקומען פרייע דערהאָלונג נאָך אַ קראַנקייט.

אָדער פאַר אַ האָלידעי פאַר ביליקע פרייזן.

קולטור טעטיקייט אין יידיש און ענגליש. רעפעראַטן אויף פאַרשיידענע טעמעס.

אַ קאַמפס אָרגאַניזאַציע קעגן פאַשיזם, אַנטיסעמיטיזם און ראַסן דיסקרימינאַציע.

בראַנטשעס אין לאָנדאָן און די פּראָווינצן.

מיטגלידער ווערן אָנגענומען פאַר פולע בענעפיטן פון די יאָרן 16 ביז 44.

האָנ. מיטגלידער אָן בענעפיטן פון אַלע יאָרן ביז 70.

ווערט אַ מיטגליד פון אַרבעטער רינג.

שרייבט פאַר איינצעלהייטן צום סעקרעטאַר :

CIRCLE HOUSE, 13 Sylvester Path, Mare St., Hackney, London, E.8

## לאָנדאָנער קולטור־ידיעות

„די יידישע שטימע“ אָרדנט איין דעם 7־טן אַפּריל אין דער גרויסער קאָמערשעל ראוד סינאַגאָג אַ באַנקעט לכבוד דער 50־יאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט פון דעם שרייבער ל. ש. קרעדיטאָר.

דעם קומענדיקן חודש וועט דער שרייבער י. ביעטש, דער מחבר פון דעם בוך דערציילונגען „אויף שיידוועגן“, דער פּרעזידענט פון פריינט פון יידיש לשון, פייערן זיין 75־סטן געבורטס־טאָג.

ד"ר רפאל מאַהלער האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט פאַרגאַנגענעם חודש ביי די פריינט פון יידיש לשון אין אַדלער־האָל אויף דער טעמע: די קולטור־ירושה פון חסידות און השכלה.

• • •

ביי דער ערעפנונג פון יידישן אַרבעטער־רינג אין זיין נייער היים איז צוזאַמענגעקומען אַ גרויסער עולם. צווישן די רעדנער איז אויך געווען דער מעיאָר פון העקני יוסף קאַהן, וועמען עס איז צוגעטיילט געוואָרן דעם כבוד צו עפענען די נייע היים.

• • •

י. ריכטיגער האָט געהאַלטן אַ רע־פעראַט ביי די פריינט פון יידיש לשון וועגן יידישער פילאָזאָפיע און טראַ־דיציע.

• • •

אויף אַ שבת געווידמעט דעם וואַר־שעווער יידישן מלוכה־טעאַטער האָט חנה קאַוואַ, פון פאַריז, וועלכע געפינט זיך צוגאַסט ביי אונז אין לאָנדאָן, גע־האַלטן אַ רעפעראַט איבער עליזאַ אָזשעסקאָוואַ, די פוילישע קלאַסיקערין, די שרייבערין פון ,מאיר יוזעפאָוויטש', וואָס ווערט געשפילט איצט אין לאָנדאָן, אינסצענירט פון אידאַ קאַמינ־סקאַ.

• • •

אין יידישן „רידינג־רום" האָט פרוי העלען סופער געהאַלטן אַ רעפעראַט איבער שעקספירן, בעיקר איבער דער געשטאַלט פון שיילאָק. צווישן אַנדערע האָבן זיך אויך באַטייליקט פרוי בת־ציון אברהמס און פרוי רחל דאָניאַך.

דער גוט־באַקאַנטער אַקטיאָר אידל גאָלדבערג האָט זייער אויסגענומען ביי אַ ליטעראַרישן אָוונט אין אַדלער־האָל מיט זיין פיינעם לייענען דערציילונגען פון י. ל. פרץ, און דער באַקאַנטער פידלער סידני מען מיט זיין שפילן בלאָכס בעל־שם.

• • •

ד"ר אהרן שטיינבערג, וועלכער איז געפאָרן קיין אַמעריקע צו דער לויה פון זיין ברודער, י. נ. שטיינבערג ע"ה, איז צוריקגעקומען נאָ לאָנדאָן.

• • •

ביי דער קולטור־קאָנפערענץ פון יידישן וועלט־קאָנגרעס אונטערן נאָ־מען „דאָס איבערבלייבעכץ פון דער איסט־ענד" האָבן גערעדט הרב הראשי סוויפט, י. ל. פיין, מר. נאַטאַני און אַנדערע. דעם פאָרזיץ האָט געפירט חזן גאָטליב.

• • •

דער שרייבער און פאָעט פון פוילן, משה שקליאַר, וואָס געפינט זיך איצט אין לאָנדאָן אין שייכות מיט דעם פויליש־יידישן מלוכה־טעהאַטער פון וואַרשע, איז אויפגענומען געוואָרן ביי אַ יידיש־ליטעראַרישן שבת־נאָכמיטאָג, וואו מען האָט אים וואַרים באַגריסט, און וואו ער ראָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט פון יידישן געזעלשאַפטלעכן קולטור־לעבן אין פוילן.

• • •

דער טראַדיציאָנעלער פורים־טאַנץ היי־יאָר פון פריינט פון יידיש לשון אין דער נאַכט פון פורים אין אַדלער־האָל איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת־נאכמיטאגס

אין בערנאַרד באַראָן סעטלמענט, 33 בערנער סט., לאָנדאָן, א.1. 3 אַזייגער.

שבת, דעם 6־טן אַפּריל — געווידמעט די לידער פון י. ה. לעווי.
שבת, דעם 13־טן — דער טראַדיציאָנעלער פסח־פּראָגראַם.
שבת, דעם 20־טן — די טראַדיציאָנעלע פרץ־יאָרצייט־פייערונג.
שבת, דעם 27־טן — געווידמעט צו דער צווייטער יאָרצייט פון קייטי בראַון.
שבת דעם 4־טן מאַי — ר. היישעריק: מיינע דערלעבענישן אין די נאַצי־קעמפּס.



א. נ. שטענצל ווערט קומענדיקן חודש, דעם 8־טן מאַי, אַ בן־ששים.

• • •

דער אַקטיאָר און פיינער קאָמיקער פּיניע גאָלדשטיין מיט זיין פאַרטנערין אַננאַ ראַפּעל טרעטן איצט אויף אַלס סטאַרס אין יידישן גרענד־פאַליי טעאַ־טער. מיר זאָגן אונזער בן־עיר פּיניע גאָלדשטיין אַ ברוך הבא צו זיין צוריק־קער נאָך זיין דריי־יאָריקן אַקטיאָרן־טור איבער אייראָפּע און אַמעריקע.

• • •

דאָס אַקטיאָרן־פּאָרל סעם גאָלדבערג און עלען ווינאָגראַד האָבן באַקומען אַ נאָרמיטאָגס, וואו זיי האָבן געבראַכט אַ וואַרימען ברוך הבא ביי די שבת־גרוס פון אַמעריקע, וואו זיי האָבן שטאַרק אויסגענומען מיט זייערע נייע רעציטאַציעס, דער עיקר מיט מאַני לייבס באַלאַדן.

• • •

ווי אַלע יאָר פאַר פסח האָט הרב יהושע שפּעטמאַן אַרויסגעלאָזן זיין הלאַב־יאָריקן קונטרס געווידמעט דעם יום־טוב פסח. אין דעם העפט זיינען דאָ בריוו צו אים פון הרב קוק און דעם קדוש הלל צייטלין.

• • •

דער שרייבער און זשורנאַליסט י. טיגער ליגט קראַנק אין זיין היים. מיר ווינטשן אים אַ רפואה שלימה.

• • •

דער שרייבער און זשורנאַליסט קאַמיל האָניק איז אָפּגעפאָרן קיין פוילן אין שליחות פון אַ באַוואוסטער ענגלישער צייטונג.

• • •

אריה לייבענזאָן פון ירושלים, וועל־כער ווילט דאָ אין לאָנדאָן אין שייכות מיטן דערשיינען פון זיין איבערזעצטן בוך אין ענגליש וועגן מאָרד פון ד"ר חיים אַרלאָזאָראָוו, האָט גערעדט ביי די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכ־מיטאָגס וועגן אַלט־שטאָט ירושלים און כותל־המערבי.

• • •

דער פוילישער אַמבאַסאַדאָר האָט געגעבן אַ „קאָקטייל־פּאַרטי" לכבוד דעם אַנסאַמבל פון וואַרשעווער יידישן מלוכה־טעאַטער.

אין דער לעבעדיקער פורים־צייטונג, איינגעאָרדנט פון יידישן וועלט־קאָנ־גרעס, האָבן זיך באַטייליקט י. ל. פיין, א. מ. קייזער, אהרן ראָלין און די זינגערין לעאָנאָוואַ. ביים קלאַוויר — הענדל ראָזין. דעם פאָרזיץ האָט געפירט יוסף פרענקל.

• • •

יוסף לעפּטוויטש געפינט זיך אין שפּיטאָל. מיר ווינטשן אים אַ רפואה שלימה.

• • •

ד"ר יוסף העלער, דער רעדאַקטאָר פון „תרבות", איז געשטאָרבן.

• • •

די פויליש־יידישע עקס־סערוויס מענער האָבן געגעבן אַ „דינער" לכבוד די אַקטיאָרן פון פויליש־יידישן מלוכה־טעאַטער אין האָוואָרט האָטעל.

• • •

„בעלזן", אַ לוקסוס־אויסגאַבע מיט בילדער און פאָטאָגראַפיעס, די גע־שיכטע פון בעלזן־טויטן־לאַגער ביז צו זייער אָפּפאָר נאָך ישראל. דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן פון די שארית הפליטה באיזור בבריטי. דאָס בוך צוגעגרייט צום דרוק און רעדאַגירט פון שמואל גאָלדשמידט און יוסף פרענקל. דאָס שער־בלאַט פון דעם באַקאַנטן מאָלער אַלוואַ. געדרוקט אין די נאַראָד־פּרעס אין לאָנדאָן.

• • •

ה' יצחק אשל, אַ באַקאַנטער חזן פון ישראל, איז אויפגעטרעטן אין אַ קאָנ־צערט פון חזנות און פאָלקס־לידער אין אַדאָלף טאָק האָל. דער קאָנצערט איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך „די יידישע שטימע".

• • •

ברית עברית עולמית (בריטישע סעקציע) האָט פאַראַנשטאַלטעט דעם 17־טן פעברואַר אַ זכרון־נשף נאָך דוד שמעונאָוויטש. דער הויפּט־רעדנער איז געווען שלמה אויערבאַך. ישראל קינסטלער האָבן פאָרגעלייענט פונם דיכטערס שריפטן.

## ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן"

„ווייטשעפל לעבט" (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) 10/-
„שיידוועגן", אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש 10/-
„ווידערוווקס", אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל 12/6
„טעאַטער־קאַראַוואַנען", פון ש. י. האַרענדאָרף 15/6
„פּאַמאַכעט דער כעלעמער פּאָעט", שמואל וואָהייט 7/6
יובל־אַלמאַנאַך 15/-

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון:

LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

שוין דערשינען:

## בערלין—מאסקווע—ירושלים

### פון אליהו פאלושאק

צו באַקומען פונם מחבר:

E. PALUSZAK, 64 LAURISTON RD., LONDON, E.9.

פּארטאפריי, צום פרייז פון 3ש. 6פּ. אָדער אין מאַזינס בוכהאַנדלונג, ווייטשעפל רויד, פאַר 3ש.

אונזער טיפן מיטלייד מיט פריינט **שמואל וואָלף** און זיינע קינדער צום פלוצלינגן טויט פון זיין פרוי.

לשון און לעבן.


**LEYTON KNITWEAR CO. LTD.**

*MANUFACTURERS OF KNITTED GOODS & SPORTSWEAR*

IMPORT - - EXPORT

518 Lea Bridge Road - Leyton, London, E.10


מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַ־מענט אַפּצאָל. דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור


נומער 5־7 (העפט 308־10) אַכצנטער יאָרגאַנג מאַי־יולי 1957 לאָנדאָן


רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

אינהאַלט:


אַ פאָר קלאָרע דבורים, איכה, צו מאָסקווע, ווען גישט ישראל אַצינד ** 1
דער סוד (דערציילונג) י. ביעטש 7
אפשר, און אויב באַשערט (לידער) ש. זאַלקין 13
דער פרינץ (דערציילונג) רחל מירסקי 14
דער תפארת שלמה, בנשיקה א. א. (לידער) א. נ. שטענצל 19
יידיש טעאַטער אין אַלטן עסטרייך א. מייזעלס 31
געווידמעט פריינט ביעטש (ליד) עלי זילבערג 35
יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע י. ריכטיגער 36
אַ זינג און אַ שפיל (עסיי) אליהו פאַלושאַק 39
מיט גאָט אין האַרצן (ליד) שמעון וואוזעק 43
צו מיינע טויטע ברידער (ליד) האַנאַ קאַוואַ 44
צו יהודה ביעטש'ס יובל מנשה ווייסגראַז 45
לעצטע טענער (ליד) י. א. לערנער 46
יאַנקל אדלער, מאַרק גערטלער און בערנאַרד מענינסקי ש. 46
די קאַרוסעל (בילד) מאַרק גערטלער 47
לאָנדאָנער קולטור־ידיעות 48
יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָג 49


## פרייז 2 שילינג

אַבאָנאַמענט־פרייז:—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר אַ יאָר


אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—

"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*


אין לעצטן מאמענט, ביים שליסן דעם נומער, איז אָנגעקומען די טרויעריקע ידיעה, אז שלום אַש איז פלוצלינג געשטאָרבן — חבל על דאבדין